בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת נָשֹׂא (באר"י בְּהַעֲלוֹתְךָ)

258

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
## קרן הדפסה היכל הקודש
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ נָאכְ'ן וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן אַ גְרַאפָּאלָאג?......................א

פַארְוָואס וֶוער אִיךְ צֶעבְּרָאכְן בַּיים הֶערְן פוּן אַ צְוֵוייטְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה?..............ג

קֶען אִיךְ דְרֵייוְון אַ קַאר, וֶוען עֶס שְׁמֶעקְט נִישְׁט פַאר מַיין שְׁוֶוער?......................ה

וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ אוֹיסְשְׁטֶעלְן מַיין סֵדֶר הַלִּימוּד אִין מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא?..................ו

זָאל אִיךְ לֵייגְן תְּפִלִּין דְּרַבֵּנוּ תַּם, אַנְדֶערְשׁ פוּן מַיין קְהִלָּה?............................ט

זָאל מֶען אַוֶועקְלֵייגְן גֶעלְט אוֹיף שְׁפֶּעטֶער?......................................יב

אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן אוּן גֶעקוּקְט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, קֶען אִיךְ נָאךְ מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן?.. יג

וֶוען דֶער זְמַן אִיז שְׁפֶּעט, זָאל מֶען לֵייגְן דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן פַאר דִי סְעוּדָה?............טו

זָאל אִיךְ לֵייגְן אַ דָגוּשׁ צוּ לֶערְנֶען לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ מִיט דִי קִינְדֶער?..................יז

אַנְשְׁטָאט שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי וַוייבּ, שְׁרֵייט מֶען "שְׁכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער" ..................יט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

מִיר שְׁרַייבְּן אוֹיף אַלֶע סְפָרִים וָואס מִיר דְרוּקְן "מֵאֵת מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע" ....................א

אַ נֵייעֶ תּוֹרָה!...........................................................ב

מֶען קוּמְט נִישְׁט אִין שׁוּל הֶערְן מוּסָר ......................................ד

מֶען קֶען זוּכְן אַ גְרִינְגֶערֶע פַּרְנָסָה..........................................ד

מֶען טָאר נִישְׁט לָאזְן דִי עֶלְטֶערְן וַוארְטְן מִיט'ן שַׁבָּת סְעוּדָה.........................ה

גֶעבְּט אַכְטוּנְג מִיט וֶועמֶען אִיר חַבֶרְ'ט זִיךְ.....................................ו

פַארְוָואס דְרוּקְט מֶען נִישְׁט פְּרִישֶׁע חֲלָקִים פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה?....................ו

עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט אָפְּצוּכַאפְּן פְּרִיוַואטֶע שִׁיעוּרִים..................................................ז

מֶען קֶען נָאר מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוֹיבּ מֶען קוּקְט גוּט אוֹיף זִיךְ ...............................ז

עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג..................................................ט

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם גָאר מְסוּכָּן׳דִיגֶער יֵצֶר הָרָע? ..................ט

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן גֵיין אִין מִילִיטֶער..................י

״סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת״ אִיז לוֹיטֶער סוֹדוֹת הַתּוֹרָה.........................................יא

זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן מְתִיקוּת הַתּוֹרָה, גֵייט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל..................................יב

אַז דֶער דַיָּין הָאט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט, דַארְף מֶען נִישְׁט אִיבֶּערְפְרֶעגְן .................................יג

מִנְהָגִים בַּיי אַ וַואךְ נַאכְט אוּן בְּרִית אוּם יוֹם טוֹב ..........................................יג

זֶעט אוֹיס וִוי עֶס פַּאסְט נִישְׁט צוּ מַאכְן אַ בְּרִית אִין יְשִׁיבָה......................................יד

מִשְׁנַיוֹת בְּרֶענְגְט צוּרִיק דִי כֹּחַ, דִי מֹחַ, מֶען וֶוערְט נֵיי גֶעבּוֹירְן.....................................טו

אִיךְ גֶעבּ עֶנְק אַוֶועק דֶעם בְּזָיוֹן...................................................טז

אִין אֵיין יָאר הָאבּ אִיךְ פַּארְדִינְט מֶער פוּן דִי לֶעצְטֶע צְוָואנְצִיג יָאר .........................יז

גַבָּאִים דַארְפְן זֶען אַז יֶעדֶער מִתְפַּלֵל זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ ......................................יז

נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁייכוּת מִיט מַחֲלֹקֶת אוּן פָּאלִיטִיק ......................................יח

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּארְ׳ן שְׁטֵיין עַל הַמִשְׁמָר אַז דִי קִיאָסְק זָאל זַיין רֵיין ...............................כא

קוּק נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת..........................................................כא

אַ שְׁטִיקְל זוֹהַר ................................................................כג

עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער.....................................................כו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווִי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ נָאכְ'ן וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן אַ גְרַאפָּאלָאג?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ שׁוֹין לַאנְג, מִיט בְּעֶרֶךְ אַ יָאר צוּרִיק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין קֶעמְפּ הָאט מֶען אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אַ גְרַאפָּאלָאג אוּן מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן יֶעדְן אֵיינֶעם אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן אַ תּוֹרָה אוּן עֶס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר אִים. עֶס אִיז גֶעוֶוען מַמָשׁ שְׁטוֹינֶענְד ווִי עֶר הָאט צוּגֶעטְרָאפְן בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם זַיינֶע נַאטוּרְן, מְשׁוּגַעַתְ'ן, מִשְׁפָּחָה אוּן אַזוֹי ווַייטֶער. בַּיי מִיר הָאט עֶר אָבֶּער גֶעזָאגְט אַז ווַייל אִיךְ שְׁרַייבּ אוֹיף אַזַא וֶועג אַז סוֹף שׁוּרָה אִיז נִידְרִיגֶער ווִי דִי אָנְהוֹיבּ, מֵיינְט דָאס אַז מַיין לֶעבְּן וֶועט גֵיין בַּארְג אַרָאפּ.

עֶס גֵייט כִּמְעַט נִישְׁט דוּרְךְ אַ טָאג וָואס אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְמַאנֶען פוּן דֶעם, אוּן עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק. אִיךְ ווֵייס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט וֶועגְן גְרַאפָּאלָאגְיֶע אַז עֶס אִיז סְתַּם דִמְיוֹנוֹת, אִיךְ קֶען דָאס אָבֶּער נִישְׁט אַרוֹיסְקְלַאפְּן פוּן קָאפּ.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ט אִיָיר, מ"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, דִי חָכְמָה פוּן לֵיינֶען יֶענֶעמְ'ס שְׁרִיפְט - אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן; עֶס אִיז אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ קֶענֶען אַרְבֶּעטְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, פַאְרְנַארְן מֶענְטְשְׁן וְכוּ'.

דָאס וָואס מֶען זֶעט וִוי זֵיי טְרֶעפְן צוּ, זֵיי זָאגְן פִּינְקְט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טוּט אוּן טְרַאכְט וְכוּ' וְכוּ'; וֶוער נִישְׁט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ צוּצוּטְרֶעפְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, וַוייל וָואס מֶען זָאל נָאר זָאגְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ - וֶועט מֶען צוּטְרֶעפְן. מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל אִין לֶעבְן, מֶען קֶען אִין אֵיין מֶענְטְשׁ אַלֶעס צוּטְרֶעפְן.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט (אֲשֶׁר בַּנַּחַל, מִכְתָּב ה' תיט): "וּמַה שֶּׁקּוֹלְעִים אֶל הַשַּׂעֲרָה בְּדִיּוּק מַה שֶּׁקּוֹרֶה אֵצֶל הַזּוּלַת", דָאס וָואס מֶען זֶעט אַז זֵיי טְרֶעפְן צוּ אוֹיפְ'ן הָאר וָואס עֶס פַּאסִירְט בַּיי יֶענֶעם, זָאגְט מוֹהֲרָא"ש: "הַיּוֹם זֶה קַל מְאוֹד", עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּצוּטְרֶעפְן; הֶער אַ לָשׁוֹן פוּן מוֹהֲרָא"ש: "כִּי מַה שֶּׁרַק לֹא יַגִּידוּ", וָואס מֶען זָאל נָאר נִישְׁט זָאגְן אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ: "מִסְכֵּן הָאִישׁ עָבַר עַל זֶה וְכוּ' וְכוּ'", - אִיז נֶעבֶּעךְ אַרִיבֶּער אוֹיף אִים.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, זִיכֶער נִישְׁט מִיט דִי צֶעדְרֵייטֶע זַאךְ פוּן לֵיינֶען אַ שְׁרִיפְט; קוּק חִידוּשֵׁי תּוֹרָה פוּן אַלֶע צַדִיקִים, בַּיי רוֹב פוּן זֵיי וֶועסְטוּ זֶען אַז דִי שׁוּרוֹת גֵייעֶן אַרָאפּ; מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, עֶס אִיז אוֹיסְגֶעזוֹיגְן פוּן דִי פִינְגֶער, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם מְקוֹר, נִישְׁט פוּן דִי תּוֹרָה אוּן נִישְׁט פוּן קְדוּשָׁה; עֶנְדֶערְשׁ לֵייג אַרַיין דַיין קָאפּ אִין דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, חַזֵר אֱמוּנָה - וֶועסְטוּ וֶוערְן אוֹיטָאמַאטִישׁ אוֹיפְגֶעהוֹיבְן; אֱמוּנָה הֵייבְּט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, אֱמוּנָה בְּרֶענְגְט אַ זִיכֶערְקֵייט אִינֶעם מֶענְטְשׁ; וִוי מֶער מֶען חַזֶר'ט אֱמוּנָה - אַלְץ מֶער וֶוערְט מֶען זִיכֶער בַּיי זִיךְ, בִּיז מֶען דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט אוּנְז, עֶר פְלֶעגְט גֵיין שְׁפַּאצִירְן אִין פֶעלְד; אָנְהוֹיבּ הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דָאס אוּן פוּן יֶענְץ, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּנְטֶערְזִינְגֶען וֶוערְטֶער פוּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א', סִימָן סד): "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה - שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם"; עֶר הָאט דָאס גֶעזִינְגֶען אוּן גֶעזִינְגֶען, עֶר הָאט דָאס

גֶעזִינְגֶען אַ גַאנְץ לֶעבְּן, יֶעצְט זִינְגְט עֶר דָאס אִין גַן עֵדֶן און דָאס וֶועט מָשִׁיחַ זִינְגֶען; דָאס זָאלְסְטוּ זִיךְ זִינְגֶען טָאג אוּן נַאכְט: "אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים" - וֶועסְטוּ וֶוערְן שְׁטַארְק מִיט זִיךְ און דוּ וֶועסְט קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אַנְדֶערֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס וֶוער אִיךְ צֶעבְּרָאכְן בַּיים הֶערְן פוּן אַ צְוֵוייטְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וֶוען אִיךְ הֶער אֵיינֶעם דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה, ווִי אַזוֹי יֶענֶער אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט אַ גֶעוִויסֶע זַאךְ נָאכְ'ן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, און דִי גֶעוִויסֶע זַאךְ אִיז גְרַאדֶע עֶפֶּעס אוֹיף וָואס אִיךְ בֶּעט שׁוֹין אוֹיךְ אַ לַאנְגֶע צַייט און אִיךְ בִּין נָאךְ דֶערְוַוייל נִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן - וֶוער אִיךְ פוּן דֶעם זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן.

יֶענֶער מַאכְט מִיר שְׁפִּירְן אַז נָאר זֵיי קֶענֶען פּוֹעֵלְ'ן, נָאר זֵיי זֶענֶען גֶענוּג חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל עֶנְטְפֶערְן זֵייעֶרֶע תְּפִלּוֹת, און אִיךְ נִישְׁט.

אִיךְ פַארְגִין יֶענֶעם אִינְגַאנְצְן, אִיךְ בִּין נִישְׁט מְקַנֵּא, אִיךְ פִיל נָאר דֶעמָאלְט ווִי יֶענֶער מַאכְט זִיךְ מֶער חָשׁוּב; זֵיי קֶענֶען פּוֹעֵלְ'ן, אִיךְ עֶפֶּעס וַוייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶען בֶּעט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג. און דִי שְׁטֶעךְ אִיז נָאךְ מֶער וֶוען דִי מַעֲשֶׂה וֶוערְט דֶערְצֵיילְט מִיט אַזַא גַּאֲוָה און שְׁטָאלְץ. אִיז עֶס נָארְמַאל צוּ פִילְן צֶעקְלַאפְּט פוּן דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ט אִיָּר, מ"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וויסן זָאלְסְטוּ, תְּפִלָּה הֶעלְפְט; קַיין אֵיין תְּפִלָּה וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן, יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - גֵייט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְן, אוּן אַז מֶען זֶעט נִישְׁט גְלַייךְ דִי יְשׁוּעָה - דָאס אִיז נִישְׁט אוּנְזֶער גֶעשֶׁעפְט, מִיר דַארְפְן וַוייטֶער בֶּעטְן.

אַז דוּ זֶעסְט נִישְׁט ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט דִיר - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין פוּן תְּפִלָּה, זָאלְסְט וַוייטֶער בֶּעטְן. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): "אִם רָאָה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵּל וְלֹא נֶעֱנֶה, יַחְזוֹר וְיִתְפַּלֵּל", אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ אוּן עֶר הָאט עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען - זָאל עֶר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים כז, יד): "קַוֵּה אֶל ה', חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ, וְקַוֵּה אֶל ה'".

מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען הָאט שׁוֹין גֶעבֶּעטְן - דַארְף מֶען וַוייטֶער בֶּעטְן. עֶס נֶעמְט אַמָאל צַייט, אָבֶּער בַּיים סוֹף - וֶוערְט יֶעדֶע תְּפִלָּה אָנְגֶענוּמֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (דְּבָרִים רַבָּה וָאֶתְחַנַּן ב, יז) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְּבָרִים ד, ז): "כִּי מִי גוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו", וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו? זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים: "יֵשׁ תְּפִלָּה שֶׁנַּעֲנֵית לְאַרְבָּעִים יוֹם", אַמָאל דַארְף מֶען וַוארְטְן דִי תְּפִלָּה זָאל אָנְגֶענוּמֶען וֶוערְן פֶערְצִיג טֶעג, אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (דְּבָרִים ט, יח): "וָאֶתְנַפַּל לִפְנֵי ה' כָּרִאשֹׁנָה אַרְבָּעִים יוֹם וְגוֹ'", מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פֶערְצִיג טֶעג. "וְיֵשׁ תְּפִלָּה שֶׁנַּעֲנֵית לְעֶשְׂרִים יוֹם", אַמָאל דַארְף מֶען וַוארְטְן דִי תְּפִלָּה זָאל אָנְגֶענוּמֶען וֶוערְן צְוָואנְצִיג טֶעג, אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן בַּיי דָּנִיֵּאל (דָּנִיֵּאל י, ג): "לֶחֶם חֲמֻדוֹת לֹא אָכַלְתִּי וְגוֹ' עַד מְלֹאת שְׁלֹשֶׁת שָׁבֻעִים יָמִים", עֶר הָאט גֶעפַאסְט דְרַיי וָואכְן, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן (שָׁם ט, יט): "ה' שְׁמָעָה ה' סְלָחָה וְגוֹ'". "וְיֵשׁ תְּפִלָּה שֶׁנַּעֲנֵית לִשְׁלֹשָׁה יָמִים", אַמָאל דַארְף מֶען וַוארְטְן דִי תְּפִלָּה זָאל אָנְגֶענוּמֶען וֶוערְן דְרַיי טֶעג, אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן בַּיי יוֹנָה הַנָּבִיא (יוֹנָה ב, א): "וַיְהִי יוֹנָה בִּמְעֵי הַדָּג וְגוֹ'", אוּן נָאכְדֶעם שְׁטֵייט (יוֹנָה ב, ב): "וַיִּתְפַּלֵּל יוֹנָה אֶל ה' אֱלֹקָיו מִמְּעֵי הַדָּגָה", יוֹנָה הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי בּוֹיךְ פוּן דִי פִישׁ. "וְיֵשׁ תְּפִלָּה שֶׁנַּעֲנֵית לְיוֹם אֶחָד", אַמָאל וֶוערְט דִי תְּפִלָּה

אָנְגֶענוּמֶען נָאךְ אֵיין טָאג, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא (מְלָכִים א יח, לו): "וַיִּגַּשׁ אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וַיֹּאמַר" וְגוֹ'. "וְיֵשׁ תְּפִלָּה שֶׁנַּעֲנֵית לְעוֹנָה", אַמָאל וֶוערְט מֶען גְלַייךְ גֶעהָאלְפְן, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ (תְּהִלִּים סט, יד): "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן", אוּן אַמָאל דַארְף מֶען גָארְנִישְׁט וַוארְטְן, מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְן נָאךְ אֵיידֶער מֶען דַאוֶונְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (יְשַׁעְיָה סה, כד): "וְהָיָה טֶרֶם יִקְרָאוּ וַאֲנִי אֶעֱנֶה".

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן אַנְדֶערֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֶען אִיךְ דְרֵייוְון אַ קַאר, וֶוען עֶס שְׁמֶעקְט נִישְׁט פַאר מַיין שְׁוֶוער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, וּבִפְרַט פַאר דֶעם שֵׁיינֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְן דָא אִין לֶעיקְוָואד.

עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְן אִין לֶעיקְוָואד אָנְצוּקוּמֶען צוּ מַיין אַרְבֶּעט אָן אַ קַאר. אִיךְ דַארְף נֶעמֶען אַ קַאר סֶערְוִויס צוּ יֶעדֶע פְּלַאץ, וָואס דָאס קָאסְט מִיר בְּעֶרֶךְ טוֹיזְנְט דָאלֶער אַ חוֹדֶשׁ, אוּן אֲפִילוּ מֶער; אוֹיסֶער וָואס אִיךְ פַארְלִיר אַסַאךְ צַייט בַּיים וַוארְטְן פַאר דִי קַאר אָנְצוּקוּמֶען.

מַיין ווייב שֶׁעמְט זִיךְ פוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן אַז אִיךְ זָאל דְרֵייוְון אַ קַאר, וַוייל מִיר זֶענֶען רֶבִּי'ש, זִי פַארְשְׁטֵייט מִיךְ אָבֶּער אַז אִיךְ ווִיל יָא הָאבְן אַ קַאר, זִי וִויל נָאר אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ אִיר טַאטֶע, אִים מַסְבִּיר זַיין אַז אִיךְ גֵיי עֶס נָאר נוּצְן פַאר דִי אַרְבֶּעט.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר זָאגְן וִוי אַזוֹי עֶס צוּ זָאגְן פַאר מַיין שְׁוֶוער? אָדֶער אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ אִים גָארְנִישְׁט זָאגְן, נָאר קוֹיפְן אַ קַאר?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, ב׳ סִיוָן, מ״ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ דְרֵייוְן, אוּן אַז דַיין שְׁוֶוער ווִיל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט דְרֵייוְן - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט רֵייצְן מִיט אִים.**

**דַארְפְסְט קֵיינֶעם נִישְׁט זָאגְן, דַארְפְסְט קֵיינֶעם נִישְׁט פְרֶעגְן רְשׁוּת; קֶענְסְט אָנְהוֹיבְּן דְרֵייוְן, זָאג פַאר דַיין וַוייבּ תְּחִיֶ׳ אַז דוּ וֶועסְט עֶס נָאר נוּצְן פַאר דִי אַרְבֶּעט; אִיר טַאטֶע וֶועט נִישְׁט ווִיסְן פוּן דֶעם, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט אוֹיסְגֶעפוּנֶען אַז דוּ פִירְסְט אַ קַאר - וֶועט אוֹיךְ גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן.**

**דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ אוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ; עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן** (סִימָן רסד).

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

**ווִי אַזוֹי זָאל אִיךְ אוֹיסְשְׁטֶעלְן מַיין סֶדֶר הַלִּימּוּד אִין מִשְׁנָיוֹת אוּן גְּמָרָא?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אִיךְ שְׁטַארְק זִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיטְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ סֵדֶר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג זֶעקְס פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ וֶוען אִיךְ הָאבּ מֶער צַייט זָאל אִיךְ לֶערְנֶען מֶער פוּן זֶעקְס פְּרָקִים, אָדֶער זָאל אִיךְ זִיךְ הַאלְטְן צוּ מַיין סֵדֶר פוּן נָאר זֶעקְס פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אַ טָאג?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען

אִיבֶּער הַאלְבּ שַׁ"ס מִיט הֲבָנָה, אוֹיבּ אִיךְ זָאל יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל פוּן אָנְהוֹיבּ צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אָדֶער זָאל אִיךְ מַמְשִׁיךְ זַיין אוּן גֵיין וַוייטֶער פוּן וואוּ אִיךְ הַאלְט?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ג' סִיוָן, מ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת; וִויפִיל מִיר וֶועלְן רֶעדְן פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת - וֶועט מֶען נִישְׁט קֶענֶען מַסְבִּיר זַיין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם לִימוּד.

אַז דוּ קֶענְסְט אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת - זָאלְסְטוּ זִיכֶער אַזוֹי טוּן. דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, עֶר זָאל זָאגְן יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפה).

אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן דוּרְךְ לִימוּד מִשְׁנַיוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַגִּיד פוּן הִימְל, דֶער מַגִּיד פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים אוּן אִים זָאגְן מוּסָר וְכוּ' - אַלֶעס בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף פְלֶעגְט זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אַמָאל פֶערְצִיג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן אַמָאל מֶער. דֶער בֵּית יוֹסֵף שְׁרַייבְּט (מַגִּיד מֵישָׁרִים מִשְׁלֵי סִימָן כג, עָמוּד קסג): "הִשְׁכַּמְתִּי כְּמִנְהָגִי לִקְרוֹת בַּמִּשְׁנָיוֹת, וְקָרִיתִי כְּמוֹ מ' פְּרָקִים", אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פֶערְצִיג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ דֶער מַגִּיד בַּאוִויזְן צוּ מִיר.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס בִּגְירְסָא, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען דַיין סֵדֶר אִין שַׁ"ס בְּעִיוּן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) מֶען זָאל הָאבְּן צְוֵויי שִׁיעוּרִים, אֵיין שִׁיעוּר זָאל מֶען לֶערְנֶען שְׁנֶעל כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ אוּן אֵיין שִׁיעוּר זָאל מֶען לֶערְנֶען אַבִּיסְל עִיּוּן הַתּוֹרָה, דָאס אִיז אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אָנְקוּמֶען לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ. דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁיעוּר דַיינֶע זָאל זַיין בִּגְירְסָא,

אֲפִילוּ אָן הֲבָנָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", מֶען דַארְף נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וּמִמֵּילָא יָבִין", בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד, וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיין - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן און מֶען וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", און אוֹיב מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל, און אוֹיב מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל - אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבַּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל דִי מַעֲלָה פוּן לֶערְנֶען אַסַאךְ שְׁטֵייגְט אַלֶעס אִיבֶּער, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט.) אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, און דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לִגְמָרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, וַוייל אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק

גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן סֶדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער וִוי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטֵייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶעס וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיב דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ וּמִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי וִוי אוֹיבְן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ אוּן עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מֶדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לְאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְכְלֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן כח), עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זָאל אִיךְ לֵייגְן תְּפִלִּין דְּרַבֵּנוּ תַּם, אַנְדֶערְשׁ פוּן מַיין קְהִלָּה?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ קוּם פוּן אַ לִיטְוִוישֶׁע פַאמִילְיֶע אוּן אִיךְ וואוֹין אִין אַ לִיטְוִוישֶׁע גֶעגֶנְט, אָבֶּער אִיךְ

נֶעם אַסאךְ הִתְחַזְקוּת פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ. אִיךְ לֶערְן דִי סְפָרִים, אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ מַאךְ הַפָּצָה אוֹיף אַ שְׁטִילֶע וֶועג נִישְׁט צוּ מַאכְן קַיין אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ. אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אָן דַארְפְן טוּישְׁן מַיינֶע קְלֵיידֶער אָדֶער מִנְהָגִים.

נָאר אֵיין פְּרָאבְּלֶעם הָאב אִיךְ יָא, אִיךְ הָאב גֶעלֵיינְט אוֹיף עֶטְלִיכֶע פְּלֶעצֶער פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אַז דֶער רֶבִּי אוּן רֶבִּי נָתָן הָאבְּן אָנְגֶעטוּן תְּפִלִין דְרַבֵּנוּ תָּם, אוּן הָאבְּן גֶעוָואלְט אַז דִי תַּלְמִידִים זָאלְן דָאס אוֹיךְ טוּן. אוּנְזֶער מְסוֹרָה אִיז פוּנֶעם גְרָ"א אַז מֶען זָאל נִישְׁט אָנְטוּן תְּפִלִין דְרַבֵּנוּ תָּם, אוּן מַיין קְהִלָּה טוּט עֶס קֵיינֶער נִישְׁט אָן, אֲפִילוּ נִישְׁט דֶער רָב. אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַרוֹיסְשְׁטַארְן אוּן זַיין אַנְדֶערְשׁ פוּן יֶעדְן, אוּן אִיךְ ווִיל נִישְׁט טוּישְׁן מַיין מְסוֹרָה, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט ווִיל אִיךְ אָבֶּער טוּן דֶער רָצוֹן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן ווִי מוֹהֲרָא"שׁ לֶערְנְט אוּנְז.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר הֶעלְפְן אִין מַיין דִילֶעמֶע.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, ג' סִיוָן, מ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווַאוּיל אִיז דִיר אַז דוּ פַארְשְׁפְּרֵייסְט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דוּ גֵייסְט הַפָּצָה, דוּ בְּרֶענְגְסְט צוּרִיק אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:): "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּידָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא, קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא. וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ. וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; עֶר נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט. דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי",

און עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט און נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים, און קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

קוֹיף זִיךְ תְּפִילִין דְרַבֵּנוּ תַּם; דַארְפְסְט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם רֵייצְן, טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם און אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם. דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ שְׁטֶעלְט אַוֶועק אַ יְסוֹד אִינֶעם עֶרְשְׁטְן סִימָן, וִוי אַזוֹי צוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי תּוֹרָה (אוֹרַח חַיִּים סִימָן א, סְעִיף א): "וְלֹא יִתְבַּיֵּשׁ מִפְּנֵי בְּנֵי אָדָם הַמַּלְעִיגִים עָלָיו בַּעֲבוֹדַת ה' יִתְבָּרַךְ", מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן דִי וָואס שְׁפֶּעטְן; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דָאס אִיז דֶער יְסוֹד פוּנֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מֶען קֶען נָאר זַיין אַ אִיד אַז מֶען שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם.

קוּק וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִילִין הֲלָכָה ה', אוֹת כח-כט): "וְעַל כֵּן, כָּל מִי שֶׁרוֹצֶה לְקָרֵב אֶת עַצְמוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכוּ', צָרִיךְ לְהָנִיחַ תְּפִילִין דְרַבֵּנוּ תַּם, כְּמוֹ שֶׁהִזְהִיר רַבֵּינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אֶת אֲנָשָׁיו לְהָנִיחַ תְּפִילִין דְרַבֵּנוּ תַּם", וֶוער עֶס וִויל מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל מַקְפִּיד זַיין אָנְצוּטוּן תְּפִילִין דְרַבֵּנוּ תַּם, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַזְהִיר גֶעוֶוען זַיינֶע מֶענְטְשְׁן. "וְעַל כֵּן עַכְשָׁיו בְּעִקְּבוֹת מְשִׁיחָא בְּסוֹף הַגָּלוּת צְרִיכִים לִזָּהֵר מְאֹד לְהָנִיחַ תְּפִילִין דְרַבֵּנוּ תַּם כְּמוֹ שֶׁהִזְהִירוּ כָּל הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים שֶׁהָיוּ בְּיָמֵינוּ", אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג וָואס מֶען הַאלְט שׁוֹין מַמָּשׁ בַּיי דִי גְאוּלָה, מִיר גֵייעֶן שׁוֹין אָט אָט אַרוֹיס פוּן גָלוּת, דַארְף מֶען זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אָנְצוּטוּן תְּפִילִין דְרַבֵּנוּ תַּם, אַזוֹי וִוי אַלֶע אֶמֶת'עֶ צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז מַזְהִיר גֶעוֶוען, "כִּי עַכְשָׁיו הִתְגַּבֵּר הַבַּעַל דָּבָר מְאֹד מְאֹד מֵחֲמַת שֶׁרוֹאֶה שֶׁקָּרוֹב לָבֹא קִצּוֹ", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז זִיךְ זֵייעֶר מִתְגַּבֵּר זֶעעֶנְדִיג וִוי זַיין סוֹף קוּמְט שׁוֹין, דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר הָאבְּן בֵּיידֶע פָּאר תְּפִילִין זִיךְ צוּ קֶענֶען קְרִיגְן מִיט אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל מֶען אָוֶועקְלֵייגְן גֶעלְט אוֹיף שְׁפֶּעטֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, מַיין מַאן אוּן אִיךְ זֶענֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק, עֶס הֶעלְפְט אוּנְז אַסַאךְ אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן צְוֵויי זַאכְן. עֶרְשְׁטְנְס וֶועגְן אָוֶועקְלֵייגְן גֶעלְט, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט אַז מֶען זָאל אָוֶועקְלֵייגְן אַבִּיסְל גֶעלְט אִין דִי זַייט יֶעדֶע וָואךְ אָדֶער חוֹדֶשׁ פַאר שְׁפֶּעטֶער? צוּם בֵּיישְׁפִּיל צוּ קוֹיפְן אַ הוֹיז אָדֶער פַאר'ן חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, אֲפִילוּ פַאר אַ פָּשׁוּטְ'עֶ בִּילִיגֶע חֲתוּנָה דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן גֶעלְט.

צְוֵוייטְנְס, וֶוען מִיר עֶסְן בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן, קֶען מַיין מַאן זִיךְ אָנְרוּפְן צוּ מִיר אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה נַארִישֶׁע בַּאמֶערְקוּנְגֶען אוֹיף דָאס אוּן אוֹיף יֶענְץ, אוּן אִיךְ וֵויים נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ רֶעאַגִירְן. עֶס שְׁטֶערְט מִיר נִישְׁט אַזוֹי וַוייט דִי זַאכְן וָואס עֶר זָאגְט, אָבֶער עֶס אִיז אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה, אוּן עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרַיין יֶעצְט, אוּן אִיךְ וֵויים נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ רֶעאַגִירְן אוֹיף אַ וֶועג אַז עֶר זָאל נִישְׁט בַּאמֶערְקְן אַז עֶס מַאכְט מִיר נֶערְוֶועז אוּן עֶס פַּאסְט נִישְׁט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ג' סִיוָן, מ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַוַודַאי דַארְף מֶען אָוֶועקְלֵייגְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען קוֹיפְן אַ הוֹיז, קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער אוּן קֶענֶען לֶעבְּן; דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶועְן מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ פַארלִירְן דִי גֶעלְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפא), וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעקוּמֶען קְרֶעכְצְן צוּם רֶבִּי'ן אַז זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן גֶעלְט - פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי זֵיי פַארְשֶׁעמֶען, דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵיי פָארְהַאלְטְן פַארְוָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן, וִויאַזוֹי קֶען דָאס פַּאסִירְן?!

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר מַאן וְכוּ'; פוּן אַייעֶרֶע וֶוערְטֶער פַארְשְׁטֵיי אִיךְ אַז עֶס שְׁטֶערְט אַייךְ נָאר וֶוען אִיר זֶענְט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, אִיר הָאט פְּרֶעשׁוּר וָואס

מֶען וֶועט זָאגְן; בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, אִיר זָאלְט קוּקְן אוֹיף אַייעֶר מַאן מִיט שֶׁעצוּנְג, עֶס זָאל אַייךְ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן אוֹיף אִים און וָואס זֵיי זָאגְן אוֹיף אִים; עֶר זָאל זַיין אִין אַייעֶרֶע אוֹיגְן ווִי אַ קֶענִיג, עֶס זָאל אַייךְ נִישְׁט בַּאדֶערְן וָואס עֶר זָאגְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן און גֶעקוּקְט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, קֶען אִיךְ נָאךְ מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין לֵיידֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעקוֹיפְט אַ סְמַארְטְפָאוֹן, און לֵיידֶער הָאבּ אִיךְ גֶעקוּקְט דֶערוֹיף גָאר שְׁמוּצִיגֶע און שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, און יֶעצְט קֶען אִיךְ זִיךְ נִישְׁט מוֹחֵל זַיין, מַיין לֶעבְן אִיז מִיר מַמָּשׁ נִמְאָס גֶעוָוארְן, און בִּין שׁוֹין מְיוּאָשׁ פוּן הָאבְן אַ גוּטֶע לֶעבְן.

אִיךְ קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין סִיפּוּק און צוּפְרִידְנְהֵייט פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, קַיין אֵיין זַאךְ מַאכְט מִיר נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, עֶס הַאלְט מִיר אִין אֵיין אַרוֹיפְקוּמֶען אִין מֹחַ דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען, און אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ פַארְגֶעסְן דִי אַלֶע זַאכְן?

יֶעצְט קְלַאפְּט מִיר שׁוֹין אִין קָאפּ אַז אִיךְ וֶועל שׁוֹין נִישְׁט בַּאקוּמֶען אַ ווּאוֹילֶער חָתָן, אִיךְ וֶועל שׁוֹין מוּזְן בַּאקוּמֶען אַ שִׁידוּךְ אֵיינֶער וָואס הָאט אוֹיךְ גֶעקוּקְט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק צֶעבְּרָאכְן און צֶעקְלַאפְּט, אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ עֶס נָאר גֶעקוֹיפְט ווַייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין סִיפּוּק, נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דָאס וֶועט מִיר צוּפְרִידְן שְׁטֶעלְן, אָבֶּער עֶס הָאט מִיר נָאר פִיל עֶרְגֶער גֶעמַאכְט דָאס לֶעבְן; וָואס טוּ אִיךְ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, ג׳ סִיוָן, מ״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ אִיז אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיפְ׳ן לֶעבְּן; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל טוּן דָאס עֶרְגְסְטֶע אִין לֶעבְּן - אִיז דָא פַאר אִים אַ װעג צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

אַז אִיר הָאט זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעקוֹיפְט אַ סְמַארְטְפָאוֹן אוּן דָארְט גֶעזֶען עֲבֵירוֹת - דַארְפְט אִיר וִויסְן אַז מֶען קֶען אַלְץ פַארְרֶעכְטְן; אַז אִיר װֶעט תְּשׁוּבָה טוּן, אִיר װעט מֶער נִישְׁט קוּקְן קַיין עֲבֵירוֹת, אִיר װֶעט זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל אַייךְ מוֹחֵל זַיין - װֶעט אִיר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

אַ שָׁאד אוֹיף בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, טֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז װֶוען מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת מַאכְט מֶען זִיךְ אַלֵיינְס שָׁאדְן, מֶען פַארְלִירְט דִי טַעַם פוּן לֶעבְּן; מֶען װֶוערְט דֶערְבִּיטֶערְט, מֶען פַארְלִירְט דִי טַעַם פוּן לֶעבְּן, אַלֶעס אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דִי זַאךְ: אִין קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה; וִוי נָאר מֶען אִיז פּוֹגֵם, מֶען טוּט עֲבֵירוֹת - פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס.

אוֹיבּ אִיר װֶעט אַװֶועקְוַוארְפְן דִי שְׁלֶעכְטֶע טֶעלֶעפָאן, אִיר װֶעט מֶער נִישְׁט קוּקְן דִי זַאכְן, אוּן אִיר װֶעט זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - װֶעט אִיר מִיט דִי צַייט צוּרִיק בַּאקוּמֶען דִי טַעַם פוּן װֶועלְן לֶעבְּן, אִיר װֶעט צוּרִיק װֶוערְן אַ פְרֵיילִיכֶע מֵיידְל, אִיר װֶעט זַיין גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

הוֹיבְּט אָן אַ שִׁיעוּר אִין תְּהִלִּים; זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים אִין אַ רֵייעֶ אוּן פַארְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, װֶוען אוּן וִוי אוּן מִיט װֶועם אִיר זֶענְט גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן אַ טֶעלֶעפָאן אוּן פַארְוָואס אִיר הָאט עֶס גֶעטוּן.

שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט, דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְט צוּ אִים

שְׁטִילֶערְהֵייט אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט, זָאגְט פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פִּינְקְטְלִיךְ וָואס אִיר הָאט גֶעזֶען, אַלֶע עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן, אַלֶע גְרוֹילִיגֶע זַאכְן, אוּן ווִי דָאס הַרְגֶ׳עט אַייךְ; אִיר קֶענְט גָארְנִישְׁט טְרַאכְטְן, עֶס קוּמְט אַרַיין אַ גַאנְצֶע צַייט אִין אַייעֶר מַחֲשָׁבָה דִי עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן; וֶועט אִיר זֶען עֶס וֶועט אַוֶועקְגֵיין, אוּן מִיט דֶער צַייט וֶועט אִיר צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַייעֶר טַעַם אִין לֶעבְּן.

דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט, דֶער וָואס מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, דֶער וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶסְט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט מִיט דִי צַייט אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וֶוען דֶער זְמַן אִיז שְׁפֶּעט, זָאל מֶען לֵייגְן דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן פַאר דִי סְעוּדָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דָא בַּיי אוּנְז אִין לָאנְדָאן וֶוערְט דֶער זְמַן מוֹצָאֵי שַׁבָּת בְּעֶרֶךְ 10:20 בַּיינַאכְט, אוּן בִּיז אִיךְ קוּם אַהֵיים פוּן שׁוּל אִיז שׁוֹין אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער, עֶס וֶוערְט זֵייעֶר שְׁפֶּעט פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי גֵייעֶן שְׁלָאפְן נָאךְ אֵיידֶער אִיךְ קוּם אָן אַהֵיים, אִיז דָאס רִיכְטִיג?

אוֹיךְ פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אִיז דָא דֶער פְּרָאבְּלֶעם, אִיךְ דַאוֶוען בַּיי דִי פְּלַג הַמִּנְחָה, אוּן עֶס קוּמְט אוֹיס אַז מֶען הוֹיבְּט אָן דִי סְעוּדָה אַ פֶערְטְל צוּ צֶען בַּיינַאכְט, מַיין וַוייבּ זָאגְט אַז דָאס וָואס דִי קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיף אַזוֹי שְׁפֶּעט מַאכְט זֵיי צֶעמִישְׁט, אוּן זֵיי זֶענֶען מִיד שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי, אוּן דֶערִיבֶּער ווִיל זִי לֵייגְן דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן פַאר דִי סְעוּדָה. זִי אִיז גֶערֶעכְט, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ מַאכְן דִי סְעוּדָה אָן דִי קִינְדֶער בַּיים טִישׁ.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יִישַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ג' סִיוָן, מ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, לָאנְדָאן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַיין וַוייבּ אִיז גֶערֶעכְט, מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיפְהַאלְטְן קִינְדֶער אַזוֹי שְׁפֶּעט אִין דִי נַאכְט אַרַיין; קִינְדֶער דַארְפְן זַיין אוֹיסְגֶערוּט, קִינְדֶער דַארְפְן גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וָואלְט גֶעוֶועְן דוּ זָאלְסְט זֵיי לֵייגְן שְׁלָאפְן פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאג פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה, אַזוֹי אוֹיךְ לֵייג זֵיי שְׁלָאפְן שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג פַאר אַפָּאר שָׁעָה, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת אִיז אַ יְסוֹד פַאר חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת; בַּיי דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת קֶען מֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה, דֶעמָאלְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זֵיי אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן; אַ שָׁאד זֵיי זָאלְן נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן דִי הֵיילִיגֶע סְעוּדוֹת, זֵיי זָאלְן גֵיין שְׁלָאפְן, אָדֶער זַיין מִיד אוּן ווִילְד.

דֶער הֵיילִיגֶער מוּנְקַאטְשֶׁער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ (דִּבְרֵי תּוֹרָה ט, אוֹת יג) בְּשֵׁם דֶער הֵיילִיגֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ פַארְוָואס עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אִין דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת מֶען זָאל שְׁלָאפְן עֶרֶב שַׁבָּת", פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר (שָׁם): "וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דִי וֶוערְטֶער 'עֶס וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין אִין דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת' וָואס אִיז נִישְׁט גֶענוּג עֶס זָאל שְׁטֵיין אִין דִי תּוֹרָה?" עֶנְטְפֶערְט עֶר, וַוייל נָאר וֶוען מֶען שְׁלָאפְט עֶרֶב שַׁבָּת קֶען מֶען מַאכְן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה, זִינְגֶען זְמִירוֹת, אַבִּיסְל לֶערְנֶען פַאר דִי סְעוּדָה אוּן נָאךְ דִי סְעוּדָה, אַז נִישְׁט שְׁלָאפְט מֶען אַיין בַּיי דִי סְעוּדָה, מֶען זִינְגְט נִישְׁט קַיין זְמִירוֹת, מֶען רֶעדְט נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער.

בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א זֶענֶען מִיר אַזוֹי מְחוּנָךְ גֶעוָוארְן, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל – אַלֶע הָאבְּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט, מַיין טַאטֶע פְלֶעגְט

זַיין זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג בַּיי דֶעם. וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען קִינְדֶער הָאבְּן מִיר נִישְׁט פַּארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶפֶּעס מוּזְן מִיר שְׁלָאפְן, וֵוייסְט דָאךְ אַז קִינְדֶער ווִילְן נִישְׁט שְׁלָאפְן; הַיינְט פַּארְשְׁטֵיי אִיךְ דָאס, וֶוען אִיךְ זֶע בַּיי אַסַאךְ שְׁטוּבֶּער לֵייגְט מֶען דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה, אוּן אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אוּנְזֶערֶע הֶערְלִיכֶע סְעוּדוֹת שַׁבָּת, ווִי אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעזִיצְן אוֹיסְגֶערוּט; מִיר הָאבְּן גֶעוַוארְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ פַּאר דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת.

אוּן אַזוֹי פִיר אִיךְ זִיךְ, בַּיי אוּנְז גֵייעֶן אַלֶע קִינְדֶער שְׁלָאפְן סַיי עֶרֶב שַׁבָּת מֶען זָאל קֶענֶען זַיין אוֹיסְגֶערוּט בַּיי דִי סְעוּדוֹת, אוּן שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, מֶען זָאל קֶענֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אוּן קֶענֶען מִיט הַאלְטְן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, הַבְדָלָה אוּן מְלַוֶה מַלְכָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ לֵייגְן אַ דָגוּשׁ צוּ לֶערְנֶען לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ מִיט דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי לִיכְטִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מַמָשׁ מְחַיֶה נְפָשׁוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט נָאךְ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז אִין גֶעווִיסֶע פְּלֶעצֶער טוּט מֶען זִיךְ אוֹיף אַז בַּיי זֵיי אִיז גֶעוֶוען אַזַא שְׁטוּפֶּענִישׁ, מַמָשׁ סַכָּנַת נְפָשׁוֹת, אָבֶער בַּיי אוּנְז אִיז אֶפְשָׁר נִישְׁטָא דִי גְרוֹיסֶע שְׁטוּפֶּענִישׁ, אָבֶער עֶס אִיז מַמָשׁ מְחַיֶה נְפָשׁוֹת.

זַייעֶנְדִיג אַ מְלַמֵד גֵייעֶן מִיר קוּמֶענְדִיגֶע יָאר בַּיי אוּנְז אִין חֶדֶר אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען "שָׁרָשִׁים וְשִׁמוּשִׁים", דָאס מֵיינְט אַז מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, צוּ צֶעטֵיילְן דִי וֶוערְטֶער אִין חֲלָקִים לוֹיט דִי שׁוֹרֶשׁ, אוּן דֶערְנָאךְ דִי שִׁמוּשִׁים בֶּעפָאר אוּן דֶערְנָאךְ. לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען דָא וָואס קְרִיגְן אוֹיף דֶעם נֵייעֶם מְהַלֵךְ אוּן זָאגְן אַז מֶען דַארְף לָאזְן דִי קִינְדֶער אַלֵיין אוֹיפְכַאפְּן לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ פּוּנְקְט ווִי עֶר כַאפְּט אוֹיף אַנְדֶערֶע זַאכְן, עֶר וֶוערְט נָאר צֶעמִישְׁט פוּן לֶערְנֶען דִי שָׁרָשִׁים אוּן דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם פְּרָאבְּלֶעמֶען.

זַייעֶנְדִיג אַן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶער דַארְף אִיךְ דָאס מְמֵילָא טוּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וָוארְט

אַרײַנְצוּרֶעדְן אִין דֶעם, מַיין שְׁאֵלָה אִיז נָאר צִי אִיךְ זָאל אַרײַנְלֵייגְן אִין דֶעם כֹּחוֹת אוּן לֵייגְן אַ דָּגוּשׁ דֶערוֹיף, אָדֶער עֶס טוּט מֶער וִוי אַ טֶעכְנִישֶׁע אַרְבֶּעט וָואס דַארְף גֶעטוּן וֶוערְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט שְׁטֶעלְן אוֹיף דֶעם.

אוֹיךְ בִּין אִיךְ נֵייגֶערִיג אוֹיב אִין "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" אִיז דָא דֶער סָארְט לִימוּד מִיט דִי קִינְדֶער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ג׳ סִיוָן, מ״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר לֶערְנֶען דִי אַלְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען מִיט הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא, מִיר מַאכְן נִישְׁט קַיין שׁוּם נֵייעֶ זַאכְן.

דוּ לֵייג אַ דָּגוּשׁ אַרײַנְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן אִיז זֵייעֶר שֵׁיין אוּן זֵייעֶר ווּאוֹיל - נָאר אַז עֶס אִיז דָא אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אָן אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם אִיז גָארְנִישְׁט דָא.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים מא.): "דְּדָא בֵּיהּ כּוּלָּא בֵּיהּ", דֶער וָואס הָאט דַּעַת דֶער הָאט אַלֶעס, "דְּלֹא דָא בֵּיהּ מַה בֵּיהּ", דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין דַּעַת - הָאט גָארְנִישְׁט; וָואס אִיז דַּעַת? אֱמוּנָה; דֶער וָואס וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, עֶר הָאט אַלֶעס גֶעטוּן, עֶר טוּט אַלֶעס אוּן וֶועט אַלֶעס טוּן, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים, אַלֶעס אִיז נָאר אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְץ פוּן אִים - דָאס אִיז דַּעַת; אוֹיבּ הָאט מֶען דִי פִּינְטֶעלֶע דַּעַת - הָאט מֶען שׁוֹין סַיי וִוי אַלֶעס.

וֶוען דוּ קוּמְסְט אִין חֵדֶר לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער זָאל דָאס זַיין דַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע צִיל: אַרײַנְלֵייגְן אִין זֵיי אֱמוּנָה בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַרײַנְפְּרֶעגְלֶען אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי זָאלְן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאלְסְט אַרײַנְבְּרָאקְן אִין זֵיי לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי טָאג אִין חֵדֶר אִיז אַייִנְגֶעטֵיילְט; דַאוֶונֶען מִיט דִי קִינְדֶער, עֶסְן מִיט דִי קִינְדֶער, שְׁרַייבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פַאר זֵיי, אָבֶּער אַלֶעס דַארְף זַיין מִיט אֵיין צִיל: זֵיי זָאלְן וִויסְן עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער!

אַז מֶען הֵייסְט דִיר לֶערְנֶען שָׁרָשִׁים וְכוּ' - זָאלְסְטוּ דָאס טוּן, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עִיקָר. וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען ווִיל לֶערְנֶען דִקְדוּק מִיט קִינְדֶער, דָאס אִיז זִיכֶער אִיבְּרִיג. דֶער רֶבִּי זָאגְט בְּפֵירוּשׁ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה): "בִּשְׁבִיל זֶה עָזְבוּ הָעוֹלָם חָכְמוֹת הַדִּקְדוּק וְאֵינָם עוֹסְקִים בּוֹ כְּלָל. כִּי דִקְדוּק אֵין צְרִיכִין כְּלָל", דִי וֶועלְט הָאט זִיךְ שׁוֹין אָפְּגֶעלָאזְט פוּן לֶערְנֶען דִקְדוּק, וַוייל עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס פַאר עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַנְשְׁטָאט שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי וַוייבּ, שְׁרֵייט מֶען "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן, פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע לִימוּדִים וָואס דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה לֶערְנְט מִיר אוֹיס, בִּפְרַט ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ מַיין וַוייבּ, אִיר אוֹיסְהֶערְן, אִיר בַּארוּאִיגְן אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ קֶען אִיר בִּכְלַל נִישְׁט הֶעלְפְן, נָאר רֶעדְן שֵׁיין אוּן אוֹיסְהֶערְן.

אִיךְ ווִיל שְׁרַייבְּן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דֶעם שַׁבָּת, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר שַׁבָּת דֶעם "עִיר קָאנְדִישְׁן" אוֹיף אַ גֶעווִיסֶע נוּמֶער אַז וֶוען עֶס פִילְט אַז עֶס אִיז הֵייס זָאל זִיךְ עֶס אָנְצִינְדְן. לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ עֶס נִישְׁט גוּט אָנְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן עֶס הָאט זִיךְ כִּמְעַט נִישְׁט אָנְצִינְדְן. וֶוען אִיךְ בִּין אַהֵיים פוּן שׁוּל אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר הֵייס, שְׁרֶעקְלִיךְ הֵייס, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶס זָאל זִיךְ שׁוֹין אָנְצִינְדְן, לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ עֶס עֶרְשְׁט אָנְגֶעצִינְדְן אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה אוּן פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה הָאבּ אִיךְ הוֹיךְ אוֹיסְגֶערוּפְן: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!"

פון דֶעמָאלְט און ווייטֶער, יֶעדֶעס מָאל עֶס הָאט זיךְ אָנְגֶעצִינְדְן, הָאט מַיין זון, וָואס איז צְוֵויי יָאר אַלְט און הָאט יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן, גֶעשְׁרִיגְן: "שְׁכּ‍ֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!"

וֶוען אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם שְׁרֵייעֶן אוֹיף מַיין וַוייבּ פַארְוָואס זִי הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְשְׁטֶעלְן נָארְמַאל, כָאטְשׁ וָואס עֶס הָאט בֶּאֱמֶת גָארְנִישְׁט מִיט אִיר, אָבֶּער וִוי דֶער סֵדֶר הָעוֹלָם וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט גוּט אִיז דִי וַוייבּ שׁוּלְדִיג, וָואס וָואלְט מַיין זון גֶעשְׁרִיגְן יֶעדֶעס מָאל?

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער זִיךְ גֶענוּג צוּ בַּאדַאנְקֶען.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ג' סִיוָן, מ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶענְטְשְׁן כַאפְּן נִישְׁט, מֶען לֵייגְט נִישְׁט צוּ קָאפּ אַז יֶעדֶע וָוארְט וָואס מַאן און וַוייבּ רֶעדְן - הֶערְן זִיךְ דִי קִינְדֶער צוּ דֶערְצוּ; נִישְׁט נָאר דִי גְרוֹיסֶע, נָאר דִי גָאר קְלֵיינֶע. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה נו:): "שׁוּתָא דִינוּקָא בְּשׁוּקָא", וָואס אַ קִינְד רֶעדְט, "אוֹ דַאֲבוּהָ אוֹ דְאִימֵיהּ", אָדֶער הָאט עֶר דָאס גֶעהֶערְט פוּן דֶער טַאטֶע אָדֶער פוּן דִי מַאמֶע.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז חִינוּךְ הָאט מִיט דִי קִינְדֶער, מוֹהֲרַאַ"שׁ זָאגְט, חִינוּךְ הָאט מִיט זִיךְ; וִוי אַזוֹי דוּ פִירְסְט זִיךְ - וֶועסְטוּ דָאס זֶען אִין דַיינֶע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי מֶען קוּקְט אִין אַ שְׁפִּיגְל; קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף אִין אַ שְׁטוּבּ וָואס יֶעדֶע צְוֵוייטֶע וָוארְט אִיז "אֵייבֶּערְשְׁטֶער", לוֹיבּ וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה, וֶוען עֶפֶּעס פַּאסִירְט שְׁרֵייט מֶען הוֹיךְ: "גַּם זוֹ לְטוֹבָה!" "שְׁכּ‍ֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!" - וֶועלְן דִי קִינְדֶער דָאס נָאכְמַאכְן, זֵיי וֶועלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, עֶס וֶועט זֵיי גוּט גֵיין.

אַז קִינְדֶער הֶערְן עֶלְטֶערְן שְׁרֵייעֶן און שֶׁעלְטְן, און וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט וִוי מֶען וִויל - וֶוערְט מֶען פַארְלוֹירְן, מֶען שֶׁעלְט, מֶען שְׁרֵייט - וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ אַזוֹי לֶעבְּן, און וֶוען דֶער טַאטֶע וֶועט רוּפְן דִי קִינְדֶער אִין אַן

עֶרְנְסְטְן מִינוּט און לֶערְנֶען מִיט זֵיי מוּסָר - וֶועלְן זֵיי זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט אוּנְטֶערְלַאכְן, עֶס וֶועט נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין זֵייעֶר הַארְץ, עֶס וֶועט זֵיי שְׁטֶעכְן דִי וֶוערְטֶער; זֵיי זֶעעֶן דָאךְ אַ לֶעבֶּעדִיגֶע פַּארְקֶערְטֶע בֵּיישְׁפִּיל וִוי דֶער מוּסָר סֵפֶר...

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ קִינְד, מֶען הָאט אִים גֶעפִירְט אִין חֵדֶר בַּיי דִי דְרֵיי יָאר זָאגְן דִי א׳ ב׳; נִישְׁט אַלֶע קִינְדֶער לָאזְן זִיךְ פוּנֶעם מְלַמֵד זָאגְן דִי א׳ ב׳, אַסַאךְ קִינְדֶער וֵויינֶען און שְׁרֵייעֶן. אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ קִינְד וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אַ זֵייעֶר מִיאוּסְ׳עֶ וָוארְט, דֶער מְלַמֵד הָאט נִישְׁט גֶעוִויסְט וָואס הָאט אִים בַּאטְרָאפְן, ׳וִוי קֶען זַיין אַ קִינְד פוּן דְרֵיי יָאר זָאל זָאגְן אַ מִיאוּסְ׳עֶ וָוארְט וָואס מֶען הֶערְט נָאר בַּיי דִי נִידְרִיגֶע אוּמוֹת הָעוֹלָם?׳ דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעזוּכְט אַ לָאךְ וואוּ זִיךְ צוּ בַּאגְרָאבְּן פַאר בּוּשָׁה, אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען דֶערְשְׁרָאקְן, שְׁטִיל, מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶערִירְט; דֶער מְנַהֵל הָאט גֶענוּמֶען דֶעם קִינְד און אַ זַייט מִיט אַ גְרוֹיסֶע שְׁטֶעקְן, עֶר גֵייט אִים שְׁלָאגְן מַלְקוֹת, רוּפְט זִיךְ אָן אַ גוּטֶער איד צוּם מְנַהֵל: "פַארְוָואס שְׁלָאגְסְטוּ דֶעם קִינְד? שְׁלָאג דִי עֶלְטֶערְן; דֶער קִינְד הֶערְט דָאס טָאג און נַאכְט, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מֵיינְט שְׁלֶעכְט, וָואס מֵיינְט גוּט - עֶר זָאגְט וָואס עֶר הֶערְט אִין שְׁטוּבּ".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ה): "אַמָאל הָאט דֶער בֶּן מֶלֶךְ גִישְׁנִיצְט הָאלְץ און הָאט זִיךְ אַ שְׁנִיט גִיטָאן אִין פִינְגֶער. אִיז דִי בַּת מַלְכָּה צוּ גִילָאפִין. אִים אַרוּם בִּינְדְן דֶעם פִינְגֶער. הָאט זִי דָארְט דֶערְזֶען אֵיין אֶבֶן טוֹב", דִי בַּת מַלְכָּה אִיז גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן הֶעלְפְן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ וֶוען עֶר הָאט זִיךְ צֶעשְׁנִיטְן דִי פִינְגֶער, אִים פַארְבִּינְדְן און אָפְּשְׁטֶעלְן דָאס בְּלוּט, הָאט זִי גֶעזֶען עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ דֵיימַאנְט, דָאס אִיז דֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס דֶער צַדִיק הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט זַיין בְּלוֹיז פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת. קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעזֶען אַז דָאס אִיז טַאקֶע אַזוֹי גֶעוֶוען, אָבֶּער וֶוען דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט זִיךְ צֶעשְׁנִיטְן - אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ דֵיימַאנְט.

אַזוֹי אִיז מִיטְ׳ן רֶבִּינְ׳ס מֶענְטְשְׁן, מֶען זֶעט נִישְׁט פוּן דְרוֹיסְן אַז מֶען אִיז בְּלוֹיז פוּן דֵיימַאנְטְן, אָבֶּער וֶוען מֶען צֶעשְׁנַיידְט זִיךְ, מֶען קוּמְט אַהֵיים שַׁבָּת

אִינְדֶערְפְרִי נַאס פוּן שְׁוֵייס, קוֹים וָואס מֶען קֶען אָטֶעמֶען, מֶען גֵייט אַ לַאנְגֶע וֶועג, מֶען הָאט כֹּחַ נָאר וַוייל מֶען וֵוייסְט אַז 'נָאךְ אַבִּיסְל קוּם אִיךְ אַהֵיים אִין אַ קִילֶע שְׁטוּבּ', אוּן וֶוען מֶען קוּמְט אַהֵיים, מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ אָן עֶירְקָאנְדִישְׁן - דֶעמָאלְט קוּמְט אַרוֹיס דִי דֵיימַאנְט שְׁטֵיין, מֶען זָאגְט: "גַּם זוּ לְטוֹבָה!" מֶען בְּלַייבְּט פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**מִיר שְׁרַייבְּן אוֹיף אַלֶע סְפָרִים וָואס מִיר דְרוּקְן "מֵאֵת מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע"**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ב אִיָּיר, כ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יַבְנְאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין בַּאמֶערְקוּנְגֶען אוֹיפְ'ן סֵפֶר, עֶס אִיז אַ הֶערְלִיכֶע סֵפֶר, אִיךְ קֶען שׁוֹין קוּים וַוארְטְן אוֹיף נָאךְ חֲלָקִים.

זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן, מַאךְ נָאךְ אַזֶעלְכֶע סְפָרִים; "אֲשֶׁר בַּנַּחַל לַיְּלָדִים", "אֲשֶׁר בַּנַּחַל לַמְלַמְּדִים", "אֲשֶׁר בַּנַּחַל לַחֲתָנִים", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

הֱיוֹת דוּ בֶּעטְסְט מִיר אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן מַיינֶע הֶעָרוֹת, אֵיין קְלֵיינֶע הֶעָרָה: מִיר שְׁרַייבְּן אוֹיף אַלֶע סְפָרִים וָואס מִיר דְרוּקְן "מֵאֵת מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע"; אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה מִיט מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן מוֹהֲרָא"שְׁ'ס נָאמֶען אוֹיף אַ מוֹדָעָה אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין נָאמֶען, מַיין נָאמֶען אִיז מוֹהֲרָא"שׁ, מֶער זָאלְסְטוּ נִישְׁט שְׁרַייבְּן מַיין נָאמֶען"; דֶערִיבֶּער וֶוען מִיר דְרוּקְן אוּנְזֶערֶע סְפָרִים - שְׁרַייבְּן מִיר נָאר "מוֹהֲרָא"שׁ"; אִיז אֶפְשָׁר כְּדַאי דוּ זָאלְסְט לֵייגְן אוֹיפְ'ן דֶעקְל: "אוֹצָר מִכְתָּבִים וְכוּ' מֵאֵת מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע, הַצַּדִּיק מִיַּבְנְאֵל".

טוּ וִוי אַזוֹי עֶס שַׁיינְט דִיר; מַאךְ אַזוֹי, מַאךְ אַזוֹי - דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ דְרוּקְן אוּן דְרוּקְן אָן אוֹיפְהֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ נֵייעֶ תּוֹרָה!

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ״ד אִיָּיר, ל״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ קוּמְסְט שׁוֹין וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז אַ הֶערְלִיכֶע פְּלַאץ דֶער שְׁטֶעטְל; דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף דֶעם רֶבִּינְ׳ס יְסוֹדוֹת - תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן גְמִילוּת חֲסָדִים.

אִיךְ הָאבּ אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט דִי נֵייעֶ קִינְדֶער בִּיכְלֶעךְ "מַעֲשֶׂה'לֶעךְ פַאר קִינְדֶערְלֶעךְ" פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶס אִיז זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיסְגֶעקוּמֶען; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְזוּימֶען, דוּ וֶועסְט גֵיין אַ בַּאנְד נָאךְ אַ בַּאנְד.

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ, שָׁבוּעוֹת, זָאלְסְטוּ אַרַיינְשְׁטֶעלְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי נָתָן, וִוי עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי תּוֹרָה יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אוּן גֶעטַאנְצְן.

דָא הָאסְטוּ דִי מַעֲשֶׂה אַרָאפְּגֶעלֵייגְט פַאר קִינְדֶער:

עֶס אִיז יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִינְדֶערפְרִי, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט הַלֵּל, מֶען גֵייט שׁוֹין בַּאלְד זָאגְן "אַקְדָמוּת", מֶען וַוארְט מֶען זָאל שׁוֹין עֶפֶענֶען דֶעם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

פְּלוּצְלוּנְג הֶערְט מֶען שְׁרֵייעֶן הוֹיךְ: "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה...! אַ נֵייעֶ תּוֹרָה...!" דֶער אִיד וָואס נֶעמְט אַרוֹיס דִי תּוֹרָה אִיז אִיבֶּערְגֶעדֶעקְט מִיטְ׳ן טַלִּית אוּן שְׁרֵייט: "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה! אַ נֵייעֶ תּוֹרָה!" עֶר הוֹיבְּט אָן זִינְגֶען: "סְ׳אִיז בֶּעסֶער צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מֶער פוּן אַלֶע גָאלְד אוּן זִילְבֶּער!"

אַלֶע מֶענְטְשְׁן וואוּנְדֶערְן זִיךְ 'וָואס גֵייט דָא פָאר? וָואס אִיז הַיינְט - שִׂמְחַת תּוֹרָה? הַיינְט אִיז יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת! וָואס טַאנְצְט עֶר אַזוֹי? וָואס שְׁרֵייט עֶר אַזוֹי?!'

קִינְדֶער, אִיר וֵוייסְט וֶוער עֶס אִיז דֶער אִיד וָואס טַאנְצְט אַזוֹי?

גֶעוֶוען אִיז דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. עֶר פְלֶעגְט אַלְץ מַאכְן פְּתִיחַת הָאָרוֹן, עֶר פְלֶעגְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּנֶעם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ; פַּאסִירְט אֵיין יָאר יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, רֶבִּי נָתָן נֶעמְט אַרוֹיס דִי תּוֹרָה אוּן עֶר וֶוערְט אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מִיר זֶענֶען אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער; רֶבִּי נָתָן נֶעמְט אַרוּם דִי תּוֹרָה אוּן הוֹיבְּט אָן טַאנְצְן, עֶר שְׁרֵייט: "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה... ! אַ נֵייעֶ תּוֹרָה... !" אַזוֹי וִוי אֵיינֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אַ נֵייעֶ זַאךְ, אַ נֵייעֶ קְלֵייד, אַ נֵייעֶ חֵפֶץ.

עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי תּוֹרָה אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן אַרוּם דֶעם בִּימָה, אוּן וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן דָאס גֶעזֶען הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן, עֶס אִיז גֶעוָוארְן מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי שִׂמְחַת תּוֹרָה, מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט מִיט דִי תּוֹרָה.

לָאמִיר אַלֶע טַאנְצְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, לָאמִיר אַלֶע שְׁרֵייעֶן הוֹיךְ: "שְׁכוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין אַ אִיד! אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ זַיין אַ אִיד!"

מַאךְ אַ בִּילְד וִוי אַ אִיד אִיבֶּערְגֶעבּוֹיגְן מִיטְ'ן טַלִית אוֹיפְ'ן פָּנִים – שְׁפְּרִינגְט אִין דִי לוּפְט מִיט דִי סֵפֶר תּוֹרָה אִין דִי הַאנְט; אַ טֵייל מֶענְטְשְׁן ווּאוּנְדֶערְן זִיךְ וָואס גֵייט פָּאר, אוּן אַ טֵייל פַּאטְשְׁן מִיט דִי הֶענְט, אוֹיפְ'ן בִּילְד זָאל מֶען זֶען אַז עֶס אִיז יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, עֶס זָאל זַיין בֵּיימֶער אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זָאלְסְט שְׁטַארְקְן אַלֶע וָואס הֶעלְפְן דִיר, אַלֶע וָואס אַרְבֶּעטְן אִין מְכוֹן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; אוֹיךְ מִשְׁפַּחַת ... אוּן מִשְׁפַּחַת ... פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען קוּמְט נִישְׁט אִין שׁוּל הֶערְן מוּסָר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ה' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ו אִיָּיר, מ"א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לִיבֶּערְטִי

דוּ וִוילְסְט אִיךְ זָאל שְׁרַייבְּן בְּרִיוו פַאר גַּבָּאִים וְכוּ'.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אִין שׁוּל - קוּמְט עֶר נִישְׁט צוּ הֶערְן מוּסָר, עֶר הָאט שׁוֹין בַּאקוּמֶען פוּן דִי וַוייבּ מוּסָר וְכוּ', יֶעצְט אִיז עֶר פָּשׁוּט אַרוֹיסְגֶעלָאפְּן פוּן שְׁטוּבּ; גֶעבּ אִים אַ שְׁמֵייכְל, דַארְפְּסְט אִים גָארְנִישְׁט זָאגְן.

לָאז אִים הָאבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען אַהֵיים גֵיין אוּן וַוייטֶער קֶענֶען הַאלְטְן הֲלָכוֹת, וַוייטֶער קֶענֶען הַאלְטְן אִידִישְׁקֵייט, וַוייטֶער קֶענֶען צִיעֶן נָאךְ אַ טָאג; עֶר קוּמְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ - ווִיל עֶר הֶערְן נָאכְאַמָאל אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים לִיבּ.

דִי חִידוּשֵׁי תּוֹרָה וָואס דוּ רֶעדְסְט בַּיי סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת אוּן שָׁלשׁ סְעוּדוֹת זָאל אַלְץ זַיין גֶעבּוֹיט אוֹיף אֵיין צִיל: יֶענֶעם מְחַיֶּ' זַיין אוּן מְחַזֵּק זַיין; קֶענְסְט רֶעדְן מִיט מְשָׁלִים, קֶענְסְט רֶעדְן מִיט מַעֲשִׂיוֹת, אָבֶּער אַלְץ דַארְף אַרוֹיסְקוּמֶען דֶערְפוּן אַז דִי מֶענְטְשְׁן זָאלְן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כט) מֶענְטְשְׁן הָאבְּן לִיבּ וֶוען מֶען רֶעדְט פַּאזֶעטִיוו, אוּן אַז מֶען רֶעדְט מִיט שֵׂכֶל - רֶעדְט מֶען פַּאזֶעטִיוו, אַז מֶען רֶעדְט פַּאזֶעטִיוו הָאבְּן עֶס מֶענְטְשְׁן לִיבּ, אַז מֶענְטְשְׁן הָאבְּן עֶס לִיבּ נֶעמְט מֶען עֶס אָן; ווִי אַזוֹי קֶען מֶען רֶעדְן מִיט שֵׂכֶל? אַז מֶען רֶעדְט בְּשֶׁבַח הַצַּדִּיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען קֶען זוּכְן אַ גְרִינְגֶערֶע פַּרְנָסָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ט אִיָּיר, מ"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בָּארְגְט גֶעלְט צוּ פַארְמַאכְן אַייעֶרֶע פֶּענְסְטֶערְס, אַזוֹי וֶועט אִיר זַיין רוּאִיג, אִיר וֶועט הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַּעַת; אִיר וֶועט קֶענֶען גְרִינְגֶער אָנְגֵיין מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר מַאן'ס אַרְבֶּעט; עֶר דַארְף נִישְׁט בְּלַייבְּן אַרְבֶּעטְן דָארְט, זָאגְט אִים עֶר זָאל זוּכְן אַ גְרִינְגֶערֶע פַּרְנָסָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶען טָאר נִישְׁט לָאזְן דִי עֶלְטֶערְן וַוארְטְן מִיט'ן שַׁבָּת סְעוּדָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ט אִיָּר, מ"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בַּקָּשָׁה.

דוּ ווִילְסְט אִיךְ זָאל שְׁרַייבְּן פַאר דִי גַבָּאִים בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל אַז מֶען זָאל דַאוֶונֶען פְרִיעֶר, כְּדֵי דַיין שְׁוֶוער זָאל נִישְׁט דַארְפְן וַוארְטְן אוֹיף דִיר; רִיכְטִיג אִיז אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ טְרֶעפְן אַ מִנְיָן וואוּ מֶען עֶנְדִיגְט פְרִיעֶר.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אַז מֶען עֶסְט דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת בַּיי עֶלְטֶערְן, טַאטֶע אָדֶער שְׁוֶוער - אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט צוּ קוּמֶען שְׁפֶּעט און לָאזְן דִי עֶלְטֶערְן וַוארְטְן. אַז מֶען עֶסְט בַּיי דִי עֶלְטֶערְן דַארְף מֶען דַאוֶונֶען וואוּ זֵיי דַאוֶונֶען, אָדֶער אִין אַ שׁוּל וואוּ מֶען עֶנְדִיגְט דַאוֶונֶען אִין דִי צַייט וֶוען זֵיי עֶנְדִיגְן דַאוֶונֶען; עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט אָנְצוּקוּמֶען שְׁפֶּעט ווִי אַ שֵׁיינֶער אִיד נָאכְדֶעם וָואס אַלֶע שְׁטֵייעֶן און וַוארְטְן, בִּפְרַט, וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דַיין וַוייבּ וֵויינְט אוֹיף דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### גֶעבְּט אַכְטוּנְג מִיט וֶועמֶען אִיר חַבֶרְ'ט זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ט אִיָּר, מ"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ'**

לָאזְט זִיךְ אָפּ פוּן דִי פְּרוֹי, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין זִין דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה; וָואס דַארְף אַ פְּרוֹי וָואס אִיז עֶלְטֶער פוּן אַייךְ מִיט אַזוֹיפִיל יָארְן - פוּן אַייךְ? עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר אַייךְ, עֶס קֶען צוּמָאל זַיין אוֹיךְ שֶׁעדְלִיךְ פַארְ'ן לֶעבְן; גֵייט נִישְׁט צוּ אִיר אִין שְׁטוּבּ.

וָואלְט דִי מַעֲשֶׂה גֶעוֶוען פַארְקֶערְט, דִי מֵיידְל אִיז דִי וָואס זוּכְט חִיזוּק, זִי דַארְף הָאבְן וַוארֶעמְקֵייט וְכוּ' - דַארְף מֶען אוֹיךְ וִויסְן וִוי אַיין אוּן וִוי אוֹיס, אָבֶער אַז דִי פְּרוֹי זָאל אַייךְ נִישְׁט אָפְּלָאזְן, זִי רוּפְט אַייךְ צוּ אִיר אִין שְׁטוּבּ, זִי ווִיל לִיבְשַׁאפְט פוּן אַייךְ וְכוּ' וְכוּ' - דָאס שְׁמֶעקְט נִישְׁט גוּט.

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס אַייעֶר הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט אִיר זֶען אַז אַלֶעס וֶועט אַייךְ גֵיין גְרִינְג אוּן גֶעשְׁמִירְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פַארְוָואס דְרוּקְט מֶען נִישְׁט פְרִישֶׁע חֲלָקִים פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ט אִיָּר, מ"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס אִיז גֶעשֶׁען אַז מֶען דְרוּקְט מֶער נִישְׁט פְרִישֶׁע חֲלָקִים פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה? אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן וַוארְטְן אוֹיף דֶעם, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז דָאס אִיז זֵייעֶר גַאנְצֶע חַיוּת, דָאס אִיז זֵייעֶר שֵׂכֶל פַארְ'ן לֶעבְן.

בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁטָא קַיין חִידוּשִׁים אִין דִי בְּרִיוו; עֶס אִיז וֶוערְטֶער פוּן

הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן, אוֹיף דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז דָאס גֶעלֶערְנְט ; עֶס אִיז נָאר גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אַ וֶועג אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן דָאס מְקַבֵּל זַיין, עֶס זָאל זֵיי מְחַזֵק זַיין.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז וַוייטֶער אַרְבֶּעטְן אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי גְאוּלָה וָואס וֶועט זַיין בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט אָפְּצוּכַאפְּן פְּרִיוַואטֶע שִׁיעוּרִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, כ"ט אִיָיר, מ"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

...

אִיךְ הָאב זִיךְ דֶערְוִויסְט אַז עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס כַאפְּן מִיךְ אָפּ וֶוען אִיךְ גֶעב פְּרִיוַואטֶע שִׁיעוּרִים.

עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין גֶערֶעכְטֶע זַאךְ דָאס צוּ טוּן ; אַלֶע וֵוייסְן קְלָאר אַז דָאס אִיז פְּרִיוַואט, מֶען לֵייגְט דָאס נִישְׁט אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן. דִי אַלֶע וָואס כַאפְּן אָפּ פְּרִיוַואטֶע שְׁמוּעֶסְן זֶענֶען נִישְׁט גֶערֶעכְט, עֶס אִיז גְנֵבַת דַעַת.

וִוי עֶס זֶעט אוֹיס וֶועל אִיךְ מֶער נִישְׁט רֶעדְן קֵיין פְּרִיוַואטֶע שְׁמוּעֶסְן ; אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן.

...

**מֶען קֶען נָאר מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוֹיבּ מֶען קוּקְט גוּט אוֹיף זִיךְ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, מ"ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעכְטְן נַאכְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין לֶעיקְוָואד, עֶס אִיז פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים, בְּרֶענֶענְדִיגֶע אִינְגֶעלַייט, גְרוֹיסֶע מֶפִיצִים; מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּנְדָאסְנֵיי, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ סְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, מֶען הָאט אַבִּיסְל גֶעזִינְגֶען אוּן גֶערֶעדְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט צוּ לַאנְג גֶערֶעדְט, אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט עֶנְדִיגְן; עֶס אִיז מִיר שְׁלֶעכְט גֶעוָוארְן אִינְמִיטְן רֶעדְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר הֵייס; אָבֶער מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ רֶעדְן גָאר שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים.

תַּמְצִית הַדְּבָרִים, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז אוֹיבּ מֶען וִויל מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה קֶען דָאס נָאר צוּגֵיין אוֹיבּ מֶען קוּקְט גוּט אוֹיף זִיךְ; וַוייל אַז מֶען קְלַאפְּט זִיךְ, מֶען הָאט זִיךְ אַלֵיינְס פַיינְט, מֶען וִויל זִיךְ נִישְׁט לַיידְן - קֶען מֶען נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, נָאר אַז מֶען קוּקְט גוּט אוֹיף זִיךְ קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי רֶעדְט פוּן קוּקְן גוּט אוֹיף אַנְדֶערֶע אוּן קוּקְן גוּט אוֹיף זִיךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן רפב), דִי תּוֹרָה אִיז אַ פוּנְדַאמֶענְט אִין בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ חֲסִידוּת; דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְגַלֶּה אַז דוּרְךְ קוּקְן גוּט אוֹיף אַנְדֶערֶע אוּן דוּרְךְ קוּקְן גוּט אוֹיף זִיךְ - פַאלְט אַוֶועק דָאס שְׁלֶעכְטְס, מֶען וֶוערְט אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן קוּקְן גוּט אוֹיף דִיר, דוּ וֶועסְט זוּכְן עֶפֶּעס גוּטְס.

הַיינְט נָאכְמִיטָאג וֶועט זַיין אַ סְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִין קִרְיַת יוֹאֵל, מִיר וֶועלְן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, זִיךְ גְרֵייטְן אוֹיף קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

### עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, מ״ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אָחִי, חֲזַק וֶאֱמָץ, דְרַאפְּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ! עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג; גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

...

### ווִי אַזוֹי קֶען מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם גָאר מְסוּכָּן׳דִיגֶער יֵצֶר הָרָע?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ב׳ סִיוָן, מ״ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין קִרְיַת יוֹאֵל, מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן זִיךְ צוּ גְרֵייטְן פַאר קַבָּלַת הַתּוֹרָה. מָארְגְן נַאכְט, דִי לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר - וֶועט זַיין אִינֶעם נֵייעֶם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין בָּארָא פַּארְק. עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג מִיט צוּ הַאלְטְן דִי שִׁיעוּרִים; עֶס פְרִישְׁט אוֹיף, עֶס דֶערְמַאנְט צוּ טוּן גוּטֶע זַאכְן, צוּ טוּן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן א) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דִי יֵצֶר הָרָע וָואס ווִיל אִים אוֹיסְרַייסְן; עֶס אִיז דָא אַ יֵצֶר הָרָע וָואס אִיז זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ אִין מִצְוֹת, עֶר רֶעדְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טוּן עֲבֵירוֹת בִּלְבוּשׁ מִצְוֹת, דִי יֵצֶר הָרָע אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, ווַייל דֶער מֶענְטְשׁ ווֵייסְט נִישְׁט זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן דֶעם, עֶר מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ מִצְוָה; דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט - אִיז נָאר דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דֶער רֶבִּי מֵיינְט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן מַחֲלֹקֶת און הָאבְּן אִינְזִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דִי מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ זַיין בַּיי זִיךְ דֶערְבִּיטֶערְט און אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעדְט אַיין עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ זַיין דֶעפְּרֶעסְט, וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה; עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה אִיז דִי יֵצֶר הָרָע, דִי סַמֶ"ךְ מֶ"ם; דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דֶעם אִיז דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה שְׁטוּפְּט מֶען אַוֶועק דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה.

אוֹיפְ'ן וֶועג אַרַיין אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ מַחֲנֶה קִינְדֶער וָואס הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר; אִיךְ הָאבּ דָאס טָאג טֶעגְלִיךְ, מֶען שְׁרֵייט מִיר נָאךְ; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן וָואס לֶערְנְט אוּנְז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ו).

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ דַארְף אַרַיינְגֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן גֵיין אִין מִילִיטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ב' סִיוָן, מ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן גֵיין אִין מִילִיטֶער; זָאלְסְט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה.

שְׁטַארְק זִיךְ און שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִיסִּים אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּן הִימְל אַן עֶרְלִיכֶע וואוֹילֶע פְּרוֹי; דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט נָאךְ און נָאךְ יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### "סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת" אִיז לוֹיטֶער סוֹדוֹת הַתּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ב' סִיוָן, מ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, יַבְנְאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

"סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת" אִיז לוֹיטֶערֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה; וִויפִיל מִיר מֵיינֶען אַז מִיר פַאַרְשְׁטֵייעֶן - אִיז דָאס גָארְנִישְׁט קֶעגְן וָואס לִיגְט אִין דִי מַעֲשִׂיּוֹת.

קוּק דִי הַקְדָמָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט:

"לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת, אַז אִיטְלִיכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגֶען סֵפֶר אִיז קֹדֶשׁ קָדָשִׁים לוֹיטֶער סוֹדוֹת הַתּוֹרָה. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען אַז דָאס זֶענֶען חַס וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת, וָוארִין דִיא מַעֲשִׂיּוֹת וָואס אִין דֶעם סֵפֶר שְׁטֵייעֶן הָאט דֶערְצֵיילְט דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק דֶער קָדוֹשׁ עֶלְיוֹן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נַחְמָן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, זַיין זְכוּת זָאל אוּנְז בֵּייא שְׁטֵיין. זַיין כַּוָּנָה אִיז גֶעוֶועזְן אוּנְז צוּא לֶערְנֶען וִויא אַזוֹי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּא דִינֶען. אוּן הַלְוַאי מִיר זָאלִין פַאר שְׁטֵיין דִיא גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת אוּן דֶעם מוּסָר וָואס עֶס שְׁטֶעקְט אִין דִיא מַעֲשִׂיּוֹת. וֶועלִין מִיר זַיין פְרוּמֶע יוּדֶען אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף צוּא זַיין. אוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וֶועט אוּנְז שִׁיקֶען דֶעם גּוֹאֵל צֶדֶק בַּאלְד אִין אוּנְזֶערֶע צֵייטְן בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן".

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין דִי הַקְדָמָה אוֹיפְ'ן סֵפֶר לַהֲבוֹת אֵשׁ, אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף תִּיקוּנֵי זוֹהַר:

"יָדוּעַ לְכָל מִי שֶׁרָגִיל בְּתִקּוּנֵי זוֹהַר, אֲשֶׁר כִּמְעַט כָּל שׁוּרָה וּשְׁתֵּי שׁוּרוֹת, הֵם כְּבָר עִנְיָנִים אֲחֵרִים, סוֹדוֹת אֲחֵרִים, עוֹלָמוֹת אֲחֵרִים".

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דִי מַעֲשִׂיּוֹת; אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט, נָאכְן דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בֶּן מֶלֶךְ אוּן בֶּן שִׁפְחָה וָואס הָאבְּן זִיךְ פַארְבִּיטְן

(סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יא):

״פַּארְצַייטִין״, אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת, בִּיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז גֶעקוּמֶען, פְלֶעגְט מֶען נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן קַבָּלָה אָפֶּענֶערְהֵייט, נָאר ״אַז מֶען פְלֶעגְט שְׁמוּסִין קַבָּלָה פְלֶעגְט מֶען שְׁמוּסִין מִיט אַזוֹי אַ לָשׁוֹן (וְוִי דִי מַעֲשֶׂה אִיז) וְכוּ׳״, אַזוֹי וְוִי דִי לְשׁוֹנוֹת פוּן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, שְׁפֶּעטֶער הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן קַבָּלָה בְּאִתְגַּלְיָא.

דֶערִיבֶּער, וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי מַעֲשִׂיּוֹת, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס אִיז סוֹדוֹת הַתּוֹרָה אוּן פְּרוּבִירְן אַרוֹיסְנֶעמֶען חִיזוּק אוּן עֵצוֹת פַאר עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן מְתִיקוּת הַתּוֹרָה, גֵייט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, ב׳ סִיוָן, מ״ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאבּ סַבְלָנוּת, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט; זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן מְתִיקוּת הַתּוֹרָה - דָאס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל, מֶען דַארְף אַסַאךְ לֶערְנֶען אָן קַיין הַרְגָּשָׁה - בִּיז מֶען קוּמְט אָן צוּ שְׁפִּירְן מְתִיקוּת הַתּוֹרָה.

שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת; זוּךְ אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ וואוּ דוּ קֶענְסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר וַוייזְן דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דִי עֲרֵבוּת וּמְתִיקוּת הַתּוֹרָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר; רֶעד צוּ אִים כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, אַזוֹי וְוִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְד, רֶעד צוּ אִים אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, רֶעד צוּ אִים אֱמֶתְ׳עֶ רֵייד; נִישְׁט גֶעמַאכְטֶע זַאכְן, מַאךְ נִישְׁט נָאךְ קֵיינֶעם, רֶעד וֶוערְטֶער פוּן דַיין הַארְץ, זָאג אִים וְוִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט אוּן וְוִי דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט יֶעדְן טָאג צוּ דִיר מִיט אַ פְרִישֶׁע מַעֲשֶׂה.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶוערְט אִינְגַאנְצְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים; תְּפִלָּה קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן פד).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז דֶער דַיָּין הָאט גֶע'פַּסְקֶ'נְט, דַארְף מֶען נִישְׁט אִיבֶּערְפְרֶעגְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ב׳ סִיוָן, מ״ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר פְּרַאגֶע.

אַז דֶער דַיָּין אוֹיף וֶועם אִיר פַארְלָאזְט זִיךְ, אִיר פְרֶעגְט אִים אוּן עֶר לֶערְנְט עֶנְק וִוי אַזוֹי צוּ הִיטְן דִי תּוֹרָה - הָאט אַייךְ שׁוֹין גֶע'פַּסְקֶ'נְט, אִיז וָואס דַארְפְט אִיר אִיבֶּערְפְרֶעגְן?

נָאכְן בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע תְּשׁוּבָה פְרֶעגְט מֶען נִישְׁט אַ צְוֵוייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִנְהָגִים בַּיי אַ וַואךְ נַאכְט אוּן בְּרִית אוּם יוֹם טוֹב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ב׳ סִיוָן, מ״ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַזָּל טוֹב פַאר דַיין נַייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע אִינְגַל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דִי בְּרִית זָאל זַיין אִין צַייט, אוּן דוּ זָאלְסְט אִים מְגַדֵּל זַיין לַתּוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים.

בְּנוֹגֵעַ מַאכְן אַ וַואךְ נַאכְט יוֹם טוֹב; זָאלְסְט מַאכְן דִי וַואךְ נַאכְט אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי סְעוּדַת יוֹם טוֹב, דַארְפְסְט נִישְׁט מַאכְן קֵיין גְרוֹיסֶע זַאכְן;

זַיי מוֹדִיעַ פַאר דִי מִשְׁפָּחָה אוּן נָאנְטֶע פְרַיינְט, זֵיי זָאלְן קוּמֶען וִוינְטְשְׁן בְּרָכוֹת.

בְּנוֹגֵעַ רוּפְן קִינְדֶער לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע נֶעבְּן דֶעם קִינְד; יֶעצְט אַז עֶס פַאלְט אוֹיס אוּם יוֹם טוֹב - קֶענְסְטוּ רוּפְן קִינְדֶער פָארְאוֹיס לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע אוֹיב דוּ זָאלְסְט רוּפְן אַ מִנְיָן צוּם סְעוּדַת הַבְּרִית; דֶער רְמָ"א זָאגְט (יוֹרֶה דֵעָה הֲלָכוֹת מִילָה, סִימָן רסה, סְעִיף ב): "וְנָהֲגוּ לָקַחַת מִנְיָן לִסְעֻדַּת מִילָה, וּמִקְרֵי סְעֻדַּת מִצְוָה", מֶען פִּירְט זִיךְ צוּ נֶעמֶען צֶען מֶענְטְשְׁן צוּם סְעוּדָה; זָאלְסְטוּ פְּרוּבִּירְן צוּ בְּרֶענְגֶען צֶען מֶענְטְשְׁן צוּ דִי סְעוּדָה, אוּן אַז עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ - זָאלְסְטוּ מַאכְן אָן דֶעם.

דָאס וֵוייסְטוּ דָאךְ, אַז בַּיי אַ בְּרִית אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת פַאר טַאטֶע מַאמֶע אוּן פַאר אַלֶע מִשְׁתַּתְּפִים; מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן בִּשְׁעַתְ'ן בְּרִית גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זֶעט אוֹיס וִוי עֶס פַּאסְט נִישְׁט צוּ מַאכְן אַ בְּרִית אִין יְשִׁיבָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ב' סִיוָן, מ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט בְּרֶענְגֶען דֶעם קִינְד אַזוֹי וַוייט וְכוּ' - אִיז נִישְׁט וָואר.

אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַאכְן צְוֵויי בְּרִיתְ'ן בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ; מַיין זוּן יִצְחָק דָוִד נֵרוֹ יָאִיר אוּן מַיין זוּן הֶערְשְׁל נֵרוֹ יָאִיר. הֶערְשְׁלְ'ס בְּרִית אִיז גֶעוֶוען זוּמֶער, מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין קֶעמְפּ אוּן מִיר הָאבְּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דִי בְּרִית קַיין בָּארָא פַּארְק צוּ מוֹהֲרָא"שׁ. מַיין וַוייבּ הָאט אִיךְ נִישְׁט מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט, אַ יוֹלֶדֶת דַארְף זִיךְ אָפְּרוּעֶן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֵסֶק אַרַיינְצוּשְׁלֶעפְּן אַ יוֹלֶדֶת אַ

לַאנְגֶע וֶועג, און עֶס הָאט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט פַּארְ'ן קִינְד, נָאכְן נִישְׁט זַיין מִיט דִי מַאמֶע פַּאר קָרוֹב צוּ זֶעקְס שָׁעָה; אִיז זִיכֶער אַז צוּ בְּרֶענְגֶען אַ קִינְד יוֹם טוֹב, אַ וֶועג צוּ גֵיין צְוָואנְצִיג מִינוּט - אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם; עֶס זֶעט אוֹיס ווִי עֶס פַּאסְט נִישְׁט צוּ מַאכְן אַ בְּרִית אִין יְשִׁיבָה.

דַיין שְׁוֶוער אִיז אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער, אַ תְּמִימוּת'דִיגֶער; אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען עֶר הָאט גֶעפְלַאקֶערְט פַּארְ'ן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעאָטֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן, בִּיז וַהֲוָה מַה דַּהֲוֵה... אַ שְׁלַאנְג הָאט אִים גֶעבִּיסְן, אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אִים גִיפְט וְכוּ'; דִי גִיפְט הָאט אִים נֶעבֶּעךְ פַּארְ'סַם'ט, עַד הַיּוֹם קֶען עֶר זִיךְ נִישְׁט הֵיילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן גֶעטְרֵיי בַּיים רֶבִּי'ן, מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וואוּ מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעטוּן.

...

מִשְׁנָיוֹת בְּרֶענְגְט צוּרִיק דִי כֹּחַ, דִי מֹחַ, מֶען וֶוערְט נֵיי גֶעבּוֹירְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ב' סִיוָן, מ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן ווִי חָשׁוּב אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לד:): "בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְשׁוּבָה עוֹמְדִין אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִין לַעֲמֹד", גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים קוּמֶען נִישְׁט אָן צוּ דִי הוֹיכֶע פְּלַאץ וואוּ בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה דֶערְגְרֵייכְן; ווַייל וֶוען דִי וָואס הָאבְן שׁוֹין אָפְּגֶעטוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן שְׁטַארְקֶן זִיךְ און לָאזְן אָפּ דִי אַלְטֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים - אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעצְט זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקֶן בְּלִימּוּד מִשְׁנָיוֹת, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ נִישְׁט צוּרִיק צוּ פַאלְן צוּ דִי עֲבֵירוֹת. וֶוען מֶען זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם, נָאר

מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, נָאר מִיט מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא - קֶען מֶען זִיךְ אַוֶועקְשְׁטֶעלְן, זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דֶעם.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת; פְּרוּבִּיר מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דָאס אִיז דִי רְפוּאָה פַאר דִי עֲבֵירָה; נִישְׁטָא אַ שְׁטֶערְקֶערֶע זַאךְ אִין פַארְרֶעכְטְן פְּגַם הַבְּרִית וִוי לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת; עֶס לוֹיטֶערְט אוֹיס דִי בְּלוּט, עֶס לוֹיטֶערְט דֶעם מֹחַ, עֶס אִיז אַ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע סְגוּלָה.

בְּדֶרֶךְ כְּלַל, דֶער וָואס אִיז נֶעבֶעךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן - דֶער הָאט מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ אוֹיס וַוארְטְן, מֶען וֶוערְט נֶערְוֶועז, מֶען פַארְלִירְט דֶעם קָאפּ זִיךְ צוּ קֶענֶען קָאנְצֶענְטְרִירְן צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען; דוּרְךְ זָאגְן מִשְׁנָיוֹת בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק דִי כֹּחַ, דִי מֹחַ, מֶען וֶוערְט נֵיי גֶעבּוֹירְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג.

...

### אִיךְ גֶעבּ עֶנְק אַוֶועק דֶעם בִּזָיוֹן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ב' סִיוָן, מ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ פְּרִיעֶר אַרָאפְּגֶעשְׁרִיבְּן דַיין וַוייבְּ'ס נָאמֶען צוּ מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אִיר; פְּלוּצְלוּנְג הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע בִּזָיוֹן אוּן אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵל גֶעוֶועְן פַאר אִיר; אִיךְ בֶּעט נָאכְאַלְץ פַאר אִיר, אִיךְ גֶעבּ עֶנְק אַוֶועק דֶעם בִּזָיוֹן.

אִיךְ הָאף זִי וֶועט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

...

## אִין אֵיין יָאר הָאבּ אִיךְ פַּארְדִינְט מֶער פוּן דִי לֶעצְטֶע צְוָואנְצִיג יָאר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, ב' סִיוָן, מ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, חֵיפָה

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן וִוי דוּ שְׁטַארְקֶסְט זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּם גוּטְן פוּן וֶוען דוּ בִּיסְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

עֶס אִיז אַ פַארְגֶענוּגְן צוּ הֶערְן אַז דוּ כַאפְּסְט אַרַיין יֶעדְן טָאג אַפָּאר שָׁעָה לִימוּד הַתּוֹרָה; דוּ אַרְבֶּעסְט נַיין שָׁעָה אַ טָאג, וְעִם כָּל זֹאת לֶערְנְסְטוּ יֶעדְן טָאג דְרֵיי שָׁעָה, אוּן שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב לֶערְנְסְטוּ זֶעקְס שָׁעָה, דָאס וֶועט דִיר בְּלַייבְּן; דָאס וֶועט דִיר בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְגֶעלֵיינְט אַפָּאר מָאל דִי וֶוערְטֶער וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אִינֶעם בְּרִיוו: "צְוָואנְצִיג יָאר פָּאר אִיךְ צוּ מַיין רֶבִּי אוֹיף שָׁבוּעוֹת אוּן אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט בַּאקוּמֶען, דִי יָאר בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אוּן דֶער רֶבִּי הָאט מִיר אַזוֹי שֵׁיין אָנְגֶעטוּן מִיט אַזוֹיפִיל תּוֹרָה, אַזוֹיפִיל תְּפִלָּה, אַזוֹיפִיל עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גַבָּאִים דַארְפְן זֶען אַז יֶעדֶער מִתְפַּלֵל זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, ב' סִיוָן, מ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַבְּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

מִיר קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט אַרוּם אֵיינְס אַזֵייגֶער, מִיר זִינְגֶען אַבִּיסְל לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, נָאכְדֶעם זָאגְן מִיר אִינְאֵיינֶעם דֶעם "תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת", אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; מִיר זָאגְן דִי

עֶרְשְׁטֶע פָּסוּק פוּן יֶעדֶע פַּרְשָׁה אוּן דִי לֶעצְטֶע פָּסוּק פוּן יֶעדֶע פַּרְשָׁה, נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט וֶוייניְגֶער.

אַזוֹי גֵייעֶן מִיר פוּן תּוֹרָה צוּ נְבִיאִים אוּן פוּן נְבִיאִים צוּ כְּתוּבִים, פוּן יֶעדְן סֵפֶר זָאגְן מִיר אִינְאֵיינֶעם הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל. וֶוען מִיר עֶנְדִיגְן תּוֹרָה זִינְגֶען מִיר אַ נִיגוּן, אוּן וֶוען מִיר עֶנְדִיגְן נְבִיאִים זִינְגֶען מִיר, אַזוֹי יֶעדֶעס מָאל זִינְגֶען מִיר.

נָאכְדֶעם זָאגְן מִיר תַּרְיַ"ג מִצְוֹת; מִיר זִינְגֶען נָאךְ יֶעדֶע הוּנְדֶערְט מִצְוֹת אַ נִיגוּן כְּדֵי דֶער עוֹלָם זָאל נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן.

אַז עֶס בְּלַייבְּט אִיבֶּער צַייט רֶעד אִיךְ אַפָּאר וֶוערְטֶער, נָאכְדֶעם גֵייעֶן מִיר אִין אַ טַאנְץ, אוּן בַּיים עֲלוֹת הַשַּׁחַר גֵייעֶן מִיר אִין מִקְוֶה.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס אַלֶעס ווייל דוּ הָאסְט מִיר גֶעבֶּעטְן אַז דוּ ווילְסְט וויסְן ווי אַזוֹי צוּ מַאכְן בַּיי עֶנְק אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. אָבֶּער אִיךְ וויל דִיר קְלָאר שְׁטֶעלְן אַז עֶס דַארְף נִישְׁט זַיין פִּינְקְט אַזוֹי, מִיר מַאכְן אַזוֹי ווייל אַזוֹי אַרְבֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיי אוּנְז, דוּ מַאךְ ווי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיי עֶנְק; מֶען דַארְף נִישְׁט נָאכְמַאכְן דִי זַאכְן.

אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְן, גַּבָּאִים דַארְפְן זֶען אַז יֶעדֶער מִתְפַּלֵל, יֶעדֶער אִיד וָואס הָאט נָאר אַריינְגֶעטְרָאטְן אִינֶעם שׁוּל - זָאל יֶענֶעם גוּט זַיין, יֶענֶער זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ.

גַּבָּאִים דַארְפְן הַאלְטְן קָאפּ אוֹיבּ אֵיינֶער פֶעלְט, אֵיינֶער קוּמְט נִישְׁט - וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה, אֶפְשָׁר דַארְף יֶענֶער הִילְף.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נִישְׁט הָאבְן קַיין שׁוּם שַׁייכוּת מִיט מַחֲלֹקֶת אוּן פָּאלִיטִיק**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ג' סִיוָן, מ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע גְרוּס פוּן אוּנְזֶער שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם; דוּ

שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶ׳ צוּ דַאוֶוענֶען דָארְט, מֶען רֶעדְט נִישְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען, מֶען דַאוֶוענְט מִיט אַ זִיסְקֵייט; דָאס אִיז פַּאר מִיר אַ גְרוֹיסֶע פַארְגֶענוּגְן.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט מַחֲלֹקֶת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): "בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן", דֶער שָׂטָן גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ; זַיי קְלוּג, אַנְטְלוֹיף פוּן מַחֲלֹקֶת, נֶעם נִישְׁט קַיין טֵייל.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם אוֹת פַּחַד חֵלֶק ב׳, סִימָן ג): "מִי שֶׁבּוֹרֵחַ מִן הַצָּרָה, הוּא פִּקֵּחַ", וֶוער עֶס אַנְטְלוֹיפְט פוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען - אִיז קְלוּג; נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא צָרָה ווִי מַחֲלֹקֶת, עֶס רַייסְט דָאס הַארְץ צוּ זֶען ווִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער קְרִיגְן זִיךְ אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְווֵייטְן; פַארְוָואס זָאל מֶען זִיךְ קְרִיגְן? פַארְוָואס זָאל מֶען זִיךְ פַיינְט הָאבְּן? זָאל יֶעדֶער אֵיינֶער גֵיין צוּ זַיין אֱמֶת, זָאל יֶעדֶער אֵיינֶער זָאגְן אַז זַיין רֶבִּי אִיז אַ חַד בְּדוֹר; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, וֶוען מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ צְווִישְׁן זִיךְ, דֶער זָאגְט "מַיין רֶבִּי אִיז אַ חַד בְּדָרָא", דֶער אַנְדֶערֶע שְׁרֵייט: "מַיין רֶבִּי אִיז אַ חַד בְּדָרָא"; וָואס דַארְף מֶען זִיךְ קְרִיגְן? וָואס אִיז שְׁלֶעכְט מִיט צְווֵיי חַד בְּדָרָא׳ס? דְרֵיי חַד בְּדָרָא׳ס? לָאז יֶעדְן אֵיינֶעם גֵיין צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס צִיט אִים, אַ פְּלַאץ וָואס בְּרֶענְגְט אִים נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, רֶעד נִישְׁט אִין שְׁטוּב פוּן מַחֲלֹקֶת; קִינְדֶער וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן אוּן צֶעמִישְׁט וֶוען זַיי הֶערְן וֶועגְן מַחֲלֹקֶת, אִין שְׁטוּב זָאלְסְטוּ נָאר רֶעדְן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן צַדִּיקִים; בִּפְרַט בַּיי דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת - דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, דֶעמָאלְט רֶעדְט מֶען פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִּיקִים, פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הִיטְן דִי מִצְוֹת; דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן בַּיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת פוּן פָּאלִיטִיק, פוּן מַחֲלֹקֶת בַּיי חֲסִידִים, פוּן לֵיצָנוּת אוֹיף דֶעם רֶבִּי׳ן, אוֹיף יֶענֶעם רֶבִּי׳ן - דִי קִינְדֶער וֶוערְן צֶעמִישְׁט, עֶס קֶען פִירְן צוּ דָאס עֶרְגְסְטֶע.

לְצַעֲרֵנוּ אִיז דָא מַחֲלֹקֶת אוֹיךְ צְווִישְׁן אוּנְז, מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב; מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ הָאבְּן צוּ טוּן מִיט קֵיינֶעם, מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן נִישְׁט צוּ בַּאלֶעבַּאטֶעוֶוען אוֹיף

אַנְדֶערֶע, מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן לְטַהֲרֵינוּ וּלְקַדְּשֵׁינוּ - זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אוּנְזֶערֶע מִידוֹת, נִישְׁט אוֹיסְאַרְבֶּעטְן יֶענֶעמְ׳ס מִידוֹת.

ווארויל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן - וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֶענֶען נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר (דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיפְ׳ן עֶרְד מִיט דִי פִּיס אוֹיסְגֶעדְרֵייְדט צוּם טִיר), דֶעמָאלְט וֶועט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ בַּאטְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס אוּן עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן: 'פַּארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן?! וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט', אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן שְׁטֵיין עַל הַמִּשְׁמָר אַז דִי קִיאָסְק זָאל זַיין רֵיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, ג' סִיוָן, מ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, לִיבֶּערְטִי**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן שְׁטֵיין עַל הַמִּשְׁמָר אַז דִי קִיאָסְק זָאל זַיין רֵיין, מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען זֶען קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס.

וֵוייסְט דָאךְ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער אָדְל אֵיינְמָאל פַאר פֶּסַח וֶוען מֶען הָאט אִיבֶּערְגֶעפַּארְבְּט דִי דִירָה, אוּן זִי הָאט גֶעהָאלְפְן מְסַדֵּר זַיין דִי דִירָה אוּן אִיבֶּערְדֶעקְן דִי מֶעבְּל וְכוּ' אַז עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן שְׁמוּצִיג. אוֹיפְ'ן וַואנְט הָאט גֶעהָאנְגֶען אַ טֵייעֶרֶע זֵייגֶער, הָאט אָדְל גֶענוּמֶען אַ פְּרוֹיעֶן טִיכְל אוּן אִיבֶּערְגֶעדֶעקְט דֶעם זֵייגֶער עֶס זָאל נִישְׁט שְׁמוּצִיג וֶוערְן, הָאט אִיר דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מִיט דֶעם דֶעקְסְטוּ אִיבֶּער דֶעם זֵייגֶער? דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא אַזֶעלְכֶע שְׁוַואכֶע מֹחוֹת, וֶוען זֵיי זֶעעֶן נָאר אַ פְּרוֹיעֶן טִיכְל בַּאקוּמֶען זֵיי שׁוֹין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת?! נֶעם עֶס אַרָאפּ אוּן דֶעק עֶס אִיבֶּער מִיט אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ"; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ קָאמְפְּיוּטֶערְס, עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין שׁוּם מִכְשׁוֹל.

אִיךְ הָאף צוּ זַיין שָׁבוּעוֹת אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ וִויל קוּמֶען דַאוֶוענֶען אַ תְּפִלָּה בַּיי עֶנְק; אִיךְ טְרַאכְט פוּן קוּמֶען פְרֵייטָאג צוּ נַאכְטְס דַאוֶוענֶען אִין עֶנְקֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### קוּק נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת נָשֹׂא, ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַרוֹיס פוּן דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּנְדַאסְנֵיי.

בֶּעט אִיךְ דִּיר זֵייעֶר, קוּק נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת; אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת עֶנְדִיגְט זִיךְ עֶס זֵייעֶר נִישְׁט גוּט, דוּ וֶועסְט בַּאלְד זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן, עֶס וֶועט זַיין זֵייעֶר אוּמְבַּא׳טַעֲמְ׳ט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

...

# אַ שְׁטִיקְל זוֹהַר

## מיטן ראש ישיבה שליט"א

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

**אַ שְׁטִיקְל זוֹהַר אוֹיף פָּרָשַׁת נָשֹׂא (דַּף קכב.), וִיהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלוֹקַי אַז בִּזְכוּת לֶערְנֶען זוֹהַר זָאלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אוּנְזֶער גָלוּת, מִיר זָאלְן אָנְהוֹיבְּן זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן טוּן מִצְוֹת; דָאס נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן אַלֶע עוֹנְשִׁים, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זַייְן אִין גַן עֵדֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים.**

### רֶבִּי יִצְחָק אוּן רֶבִּי יְהוּדָה לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן וֶועג

**רַבִּי יִצְחָק וְרַבִּי יְהוּדָה הֲווֹ אָזְלֵי מֵאוּשָׁא לְלוּד, דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים רֶבִּי יִצְחָק אוּן רֶבִּי יְהוּדָה זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען פוּן דִי שְׁטָאט אוּשָׁא קַיין לוּד, אָמַר רַבִּי יְהוּדָה, נֵימָא מִילִין דְאוֹרַיְיתָא וְנֵזִיל, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יְהוּדָה גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי יִצְחָק: "לָאמִיר לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוֹיפְ'ן וֶועג, אַזוֹי וֶועלְן מִיר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס".**

### עֲבֵירוֹת בְּרֶענְגְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**פָּתַח רַבִּי יְהוּדָה וְאָמַר, רֶבִּי יְהוּדָה הוֹיבְּט אָן, 'כִּי יִפְתַּח אִישׁ בּוֹר אוֹ כִּי יִכְרֶה אִישׁ בּוֹר וְגוֹ'". מַה כְּתִיב בַּתְרֵיהּ, 'בַּעַל הַבּוֹר יְשַׁלֵּם וְגוֹ'", מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי תּוֹרָה (שְׁמוֹת כא,**



לג), אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט גֶעגְרָאבְּן אַ גְרוּבּ אוּן עֶר הָאט דָאס גֶעלָאזְט אָפְן, אוּן עֶס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אַן אָקְס אָדֶער אַן אֵייזְל, זָאגְט דִי תּוֹרָה, דֶער מֶענְטְש דַארְף בַּאצָאלְן וַוייל עֶר הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּ שָׁאדְן מַאכְן פַאר אַנְדֶערֶע.

וּמַה עַל דָא כַּךְ, אִיז דָאךְ אַ קַל וָחֹמֶר, מַה דָאךְ וֶוען מֶען טוּט נִישְׁט מַמָשׁ יֶענֶעם שָׁאדְן, מֶען אִיז נָאר אַ גוֹרֵם צוּ מַאכְן שָׁאדְן - דַארְף מֶען בַּאצָאלְן, מַאן דְגָרִים לְאַבְאָשָׁא עָלְמָא בְּחוֹבוֹי עַל אַחַת כַּמָה וְכַמָה, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז וֶוען אַ מֶענְטְש זִינְדִיגְט, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת - בְּרֶענְגְט עֶר דָאךְ שְׁלֶעכְטְס אוֹיף דִי וֶועלְט, וֶועט עֶר זִיכֶער בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוערְן.

### פַארְוָואס הֶעלְפְט תְּשׁוּבָה?

אֶלָא תַּוְהָנָא, רֶבִּי יְהוּדָה וואוּנְדֶערְט זִיךְ, דְאַף עַל גַב דְאַבְאִישׁ עָלְמָא, מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַן עֲבֵירָה זָאל עֶר זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִים מוֹחֵל, וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין, אֲמַאי אִית לֵיהּ תְּשׁוּבָה, כְּמָה דִכְתִיב אִישׁ אוֹ אִשָׁה כִּי יַעֲשׂוּ וְגוֹ' וְהִתְוַדוּ אֶת חַטָאתָם וְהֵשִׁיב, עֶר הָאט דָאךְ שְׁלֶעכְט גֶעמַאכְט פַאר אַנְדֶערֶע, וַוייל וֶוען מֶען זִינְדִיגְט בְּרֶענְגְט מֶען צָרוֹת פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

### דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה



אֶלָא וַדַאי דָא מְהַנְיָא לְהוּ, בְּגִין דְעָבִיד תְּשׁוּבָה, כִּבְיָכוֹל הוּא עָבִיד לֵיהּ מַמָשׁ, נָאר דָא זֶעעֶן מִיר דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה, עֶר

אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה, עֶר זָאגְט פַאְרְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אוּן עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין, דְּהָא מַה דְּפָגִים לְעֵילָּא, אַתְקִין לֵיהּ, - וֶוערְט אַלֶעס פַאְרְרָאכְטְן, וּבְמָה בִּתְשׁוּבָה, תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַלֶעס וֶוערְט פַאְרְרָאכְטְן, דִּכְתִיב, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט, אִישׁ אוֹ אִשָּׁה כִּי יַעֲשׂוּ וְגוֹ', וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם וְהֵשִׁיב; וּתְשׁוּבָה אַתְקִין כֹּלָּא, תְּשׁוּבָה פַאְרֶערְכְט אַלֶעס, אַתְקִין לְעֵילָּא, אַתְקִין לְתַתָּא, סֵיי פוּן אוֹיבְן אוּן סֵיי פוּן אוּנְטְן, אַתְקִין לְגַרְמֵיהּ, אַתְקִין לְכָל עָלְמָא, עֶר וֶוערְט פַאְרְרָאכְטְן, אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶוערְט פַאְרְרָאכְטְן.

פוּן דֶעם שְׁטִיקֶל זוֹהַר זֶעעֶן מִיר דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה; וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען דֶערְצֵיילְט פַאְרְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, מֶען בֶּעט אִים אִיבֶּער - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל פָאר דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אוֹיךְ וֶוערְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פַאְרְרָאכְטְן.



# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פְּאֵר קִינְדֶּלִי

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בִּזְיוֹנוֹת

וֶוער שְׁרַייט דָארְט...? וָואס גֵייט דָארְט פָּאר...? לָאמִיר גֵיין נֶענְטֶער וֶועלְן מִיר קֶענֶען בֶּעסֶער זֶען.

דָא וואוֹינְט דֶער צַדִיק רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע, מֶען רוּפְט אִים רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע פְּרִימִישְׁלַאנֶער, עֶס אִיז הַיינְט בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ אַ גְרוֹיסֶע יוֹם טוֹב, זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים, יֶעצְט הַאלְט מֶען אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה.

אִינְדְרוֹיסְן שְׁטֵייט דֶער שְׁנַיידֶער פוּן שְׁטָאט אוּן שְׁרַייט מִיאוּסְ׳עֶ וֶוערְטֶער אוֹיף דֶעם צַדִיק, עֶר הַאקְט אוֹיפְ׳ן טִיר, עֶר ווִיל אַרַיינְגֵיין, עֶר קְלַאפְּט אִין דִי פֶענְסְטֶערְס.

דֶער שְׁנַיידֶער אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג חוֹזֵק גֶעמַאכְט פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן; עֶר הָאט נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט צַדִיקִים, עֶר פְלֶעגְט אַלְץ

קוּמֶען בַּיים צַדִיקְ'ס הוֹיז אוּן לַאכְן אוּן שְׁרַייעֶן מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער, יֶעצְט וֶוען רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע הָאט גֶעהֶערְט דִי גוּטֶע נַייעֶס, אַז זַיין רֶבִּי דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק קוּמְט צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ – הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם שְׁנַיידֶער עֶר זָאל אִים אַ טוֹבָה טוּן אוּן אִים נִישְׁט פַּארְשֶׁעמֶען אִין דִי צַייט וָואס זַיין רֶבִּי אִיז בַּיי אִים, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיר נִישְׁט צוּלִיבּ טוּן – וֶועל אִיךְ מוּזְן פַּארְשְׁפַּארְן דִי טִיר, דִיר נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן".

דֶער שְׁנַיידֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן אִים, עֶר הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרַייט אִינְדְרוֹיסְן אוּן גֶעזוּכְט וִוי עֶר קֶען לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן פוּנֶעם צַדִיק, בִּיז עֶר הָאט גֶעפוּנֶען אֵיין קְלֵיין פֶּענְסְטֶער וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן אָפְן, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער, עֶר הָאט פַּארְשֶׁעמְט דֶעם צַדִיק, דֶער צַדִיק הָאט דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן.

בִּיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט בַּאמֶערְקְט אַז עֶפֶּעס גֵייט דָא פָּאר, פְרֶעגְט עֶר רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע: "וָואס גֵייט דָא פָּאר? וָואס זֶענֶען דִי גֶעשְׁרַייעֶן?" הָאט אִים רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ דָא אֵיינֶער וָואס הֶערְט מִיר נִישְׁט אוֹיף צוּ פַּארְשֶׁעמֶען, גֶעוֶוענְלִיךְ בִּין אִיךְ דָאס



הֶע הֶע הֶע, כַּא כַּא כַּא

מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה, אָבֶּער הַיינְט הָאבּ אִיךְ אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מִיר נִשְׁט פַארְשֶׁעמֶען וֶוען מַיין רֶבִּי אִיז דָא״.

רוּפְט זִיךְ אָן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: ״הַלְוַואי וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט אַזַא אֵיינֶעם, וָואס זָאל מִיךְ פַארְשֶׁעמֶען יֶעדְן טָאג״; מֶען קֶען זִיךְ נִשְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֵיינֶעם וָואס לַיידְט

בִּזְיוֹנוֹת, אוּיבּ מֶען אִיז מְקַבֵּל דִי בִּזְיוֹנוֹת בְּאַהֲבָה – קוּמְט מֶען אָפּ מִיט דֶעם אַלֶע עֲבֵירוֹת, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אוּיבּ אֵיינֶער וועט דִיר פַארְשֶׁעמֶען – זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט צוּרִיק טוּן, נָאר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דִיר מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת.